# לשון און לעבן

## חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 316) נײַנצנטער יאָרגאַנג יאַנואַר 1958 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:


דער 13־טער יאַנואַר 1948, די אַסימילאַציע־סעקציעס בכל־לשון ** ........ 1
רעליגעזע אויפלעבונג (עסיי) ........ דר. יעקב י. מייטליס 4
טויט האָט אין מײַן טיר אָנגעקלאַפּט (ליד) ........ שמואל װהייט 9
„טהי װהייט עלעפאַנט" (דערציילונג) ........ יהודה ביעטש 10
װינטער באַלאַדע א. א. לידער ........ א. נ. שטענצל 15
יידיש טעאַטער אין אַלטן עסטרייך ........ א. מייזעלס 21
אויף קבר אבות ביים „זיידן" (אַ קאַפּיטל זכרונות לכבוד דער 40־טער
יאָרצייט פון מענדעלע מוכר ספרים) ........ א. מ. קייזער 24
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע (צווייטער קאַפּיטל: די תורה און די
מפרשים) ........ י. ריכטיגער 28
אַ טענה ........ מ. אַלמאַן 31
לאָנדאָנער קולטור ידיעות ........ 32
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ........ 32



**פרייז 2 שילינג**

אַבאָנאָמענט־פרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,

Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*


## װערט אַ מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון"

פריינט פון יידיש לשון, זונטיק דעם 26־טן יאַנואַר 5 אַזייגער אין אדלער הויז א.1.

### די יערלעכע גענעראל-פערזאמלונג

אלע אונזערע פריינט זיינען איינגעלאַדן.

סדר היום: באַריכט, װייטערע אַרבעט, װאַלן. מ׳בעט צו זיין פונקטלעך.

## סעמינאַר פאַר יידישע קולטור און וויסן
## ביי פריינט פון יידיש לשון

מיטוואָך 22.1
רחבעם עמיר, גענעראַל קונסול פון ישראל:
די קולטורעלע טעטיגקייט אין ישראל. — 1־טע לעקציע

מיטוואָך 29.1
מיכאל זילבערבערג:
דער משיח׳שער געדאַנק ביי די יידן אין פוילן. — 1־טע לעקציע

מיטוואָך 5.2
א. מ. קייזער:
דער דיבוק אין דער יידשער ליטעראַטור און זיין מקור — פון תלמוד ביז אַנסקין. — 1־טע לעקציע

מיטוואָך 12.2
דר. יעקב מייטליס:
דער מהות פון מזרח אייראָפּעישן יידענטום. — 3 לעקציע

---

## פריינט פון יידיש לשון

דינסטיק, דעם 4-טן פעברואַר, 7.30 אין אדלער־האַל, אדלער סט., א.1.

### א יובל-באַנקעט לכבוד שמואל וואהייט
### צו זיין 50 יאָריקער ליטעראַרישער-טעטיקייט

באַגריסונגען, רעדעס רעציטאַציעס און געזאַנג. טיי מיט פאַרבייסן ביי געדעקטע טישן אַלע פריינט פאַעט און פון יידישן וואָרט זיינען איינגעלאַדן.

---

## צו אלע לייענער און פריינט

נישט געקוקט אויף דער פינאַנציעל־קריטישער לאַגע אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן מיר נישט נאָר באַוויזן אָנצוגיין מיט אונדזער לאַנג־יאָריקער קולטורעלער אַרבייט, אויף דער יידישער גאַס. וו.צ.ב.ש. די „שבת נאָכמיטאָגס״ וועלכע האָבן זיך שוין קונה שם געמאַכט אין דער אַלוועלטליכען יידישער פּרעסע; די פּעריאָדישע אָוונטן פאַר קאָנצערטן און באַנקעטן; די טראַדיציאָנעלע בעלער א.ז.וו. — נאָר מיר האָבן נאָך פאַרברייטערט אונדזער אַרבייט אויפן געביט פון ערנסטע וועכנטלעכע סעמינאַרן.

מיר שטרעבן אין דעם נייעם יאָר צו פאַרגרעסערן אונדזער קולטורעלע טעטיגקייט אויף א נאָך גרעסערן מאַסשטאַב.

פאַר דעם צוועק נויטיגט זיך אָבער נישט בלויז די אָנשטרענגונג פון עטליכע יחידים וואָס שטייען אומערמידלעך ביי דער אַרבייט נאָר אפילו גרעסערן קרייז פון פריינט וואָס שאַצן אָפּ ווי געהעריק אונדזער אַרבייט.

מיר ווענדן זיך, דאַרום, צו יעדן וואָס איז באַרייט ביי צושטייערן זייער מאָראַלישע און פינאַנציעלע הילף צו קומען צו אונדזער יערלעכן זיצונג וואָס וועט געהאַלטן ווערן זונטאָג דעם 26טן יאַנואַר אין די אדלער האַל א.1. 5 אַזייגער ביי טאָג.

מ. בעקערמאַן, ערן סעק.

TOWER HAMLETS LIBRARIES
LOCAL HISTORY LIBRARY
No: ~~L. 5298~~ 870
LC. 1036/12

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 316) — נײַנצנטער יאָרגאַנג — יאַנואַר 1958 לאָנדאָן

## דער 13-טער יאנואַר 1948

היינט 10 יאָר — יאַנואַר 1948 האָבן רוסישע, באָלשעוויסטישע טשינאָווניקעס דערשאָסן דעם געניאַלן יידישן אַקטיאָר, שלמה מיכאלס. קאַלט-בלוטיק האָבן זיי עס געטון. צומאָל אָן אינסצענירטע חקירה ודרושה, פון אַ טעאַטראַלן משפט. עס איז געווען דער דרעסיר־שאָס פאַר די ענקאַוועדע־הינט זיך אַרויסצולאָזן אויפן געיעג צו פאַרטיליקן און אויסצוראָטן יעדן סימן פון יידישער קולטור: אַלע באַקאַנטע יידישע שרייבער, אַקטיאָרן, קולטור־טוער וואַרפן אין תפיסות, זיי צו פאַרפייניקן צום טויט; פאַרמאַכן אַלע יידישער צייטונגען און פערלאַגן, שליסן די יידישע שולן, טעאַטערס און קלובן — מיט איין שאָס חרוב מאַכן דאָס גאַנצע ביסל האָב און גוטס פון יידישער שעפערישקייט און קולטור־טעטיקייט פון אַ דריי מיליאָניקן דורות־איינגעפונדעוועטן יידישן ישוב.

עס איז געווען שלמה מיכאלס אין וועמענס טיף־יידישן האַרץ זיי האָבן געצילט דעם שאָס! מיט זיין קאַנטיקן כאַראַקטער קאָפּ, מיט זיין שאַרפזינקע תפיסה, ער וואָלט געווען די תפיסה־ווענט אויפגעבראָכן, ער וואָלט זיי געוועזן צעשטופּט, ווי די טעאַטער־קוליסן — ווי אַ שמשון הגבור וואָלט ער זיי איינגעבראָכן מיט זיין לייבן־קאָפּ.

זיי, די פחדנים, האָבן מורא געהאַט זיך אָנצוטרעפן מיט זיין מאַיעסטעטישן אָדלער־בליק, האָבן זיי אים געשאָסן אַ קויל אין רוקן. ביי אַזאַ משפט פון לית דין ולית דיין, ווי וואָלט ער זיי דעקלאַמירט פּרצעס „מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע״, אַז די ערד וואָלט אונטער זיי איינגעזונקען פאַר בושה.

זיי האָבן אים גוט געקענט דעם ריינעם כאַראַקטער, דעם נישט געקינצלטן, דעם גרויסן אַקטיאָר פון יידישן קונסט טעאַטער אין מאָסקווע — דער מענטש, דער ייד, דער בנימין דער דריטער, דער קעניק ליער דער ערשטער, ער וועט זיין פאָלק, זיין קולטור, זיינע חברים נישט פאַראַטן.

די אַנדערע קינסטלער, שרייבער האָבן זיי אין די תפיסות געוואָרפן, געפייניקט, דערנידריקט; געהאָפט אַז אויסשטייענדיק יסורים און בזיונות — וועלן זיי זיך אַליין שפייען אין די מענטשלעכע צורה אַריין.

אָבער די שונא־ישראל האָבן זיך טועה געווען, זיי האָבן פאַלטש אויסגערעכנט, ווען זיי האָבן גערעכנט, אַז אין זיין שוואַכקייט, דערשלאָגנקייט וועט דער יידישער שעפערישער מענטש פאַרראַטן, ווערן אַ נכנעה — יאָ, דער יידישער שרייבער דינט אַן אידייע, ווילאַנג זי איז אַן אידייע, ווערט זי אָבער אַן עבודה־זרה, גייט ער אויף קדוש השם — „יהרוג ועל יעבור״!

האָפּשטיין, זוסקין, בערגעלסאָן און מאַרקיש, פעפער קוויטקאָ, נסתר

און מיכאלס און צענדליקער אַנדערע, זײַנען געשטאָרבן ווי מאַרטירער, און וועלן בלײַבן די עשרה הרוגי מלכות פון דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור.

אַז מיר קענען לעבן בלײַבן און שטיין בלײַבן על רגל אחת אַדורכמאַכנדיק דעם לאַנגען גלות מאַרש האָבן מיר גרייַלעך באַוויזן. מיט מסירת נפש, מיט קדוש־השם איז מען גובר אַלע מניעות און די איבערמענטשלעכסטע שוועריקייטן. אַ פאָלק וואָס די רעאַליטעט פון אַן עשרה הרוגי מלכות לעגענדע שטייט תמיד פאַר די אויגן אַזאַ פאָלק איז עומד בנסיון.

מיט די ייִדישע מאַרטירער שרײַבער אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט אונזער מאָדערנע ליטעראַטור באַקומען די כריתת־ברית חשובות, דעם „חתן דמים אתה לי" פון די געהייליקטע חומש מעשות.

די דרײַ מיליאָן ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָבן איצט אין זייער אונטערגרונד־באַוווסט־זײַן דעם קדוש־השם פון זייערע שאָפער — אנוסים וואָס גייען אין אונטערגרונד מוזן האָבן פאַר זייערע אויגן די רעאַליטעט פון מענטשן וואָס האָבן עומד בנסיון געווען.

צו קענען גיין אין אונטערגרונד פון גלות, דערוואַרטנדיק די גאולה, מוז אַ פאָלק האָבן מאַרטירער פאַר זײַנע אויגן. די שוואַכסטע דעמלט האַלטן צוזאַם, די אַנטלויפנדיקע די בלאָנדשנדיקסטע געפונען דעם וועג צוריק.

די פאַרלוירענע צייכענען זיך נאָך אויס מיטן שוואַרצן חן־פּינטעלע — מיטן פּינטעלע־ייִד! און דאָס אַמאָליקע גלאַררייכע רוסישע ייִדנטום וועט מוזן איצט באַווײַזן, צי די 30 יאָר ייִדיש־ייִדישקייט אין סאָוויעט־לאַנד איז געווען אַן אינערלעך־שעפערישער אַקט — זייער מעראַנענטום שטייט איצט אויף אַ נסיון, צי זיין זײַנען פּעאיק אויף קולטור־מסירת־נפש, צו באַשיצן די שעפערישע ירושה פון די ייִדישע שרײַבער־קדושים. (דער רוסיש־ייִדישער שרײַבער האָט צו זיין גרויסער שאַנד ענטפּלעקט זיין פאַררעטערישן פּרצוף־פּנים.)

די קאָמוניסטישע, ווי די בירגערלעכע אסימילאַציע, לוינט נישט ייִדיש — אמת! זיי האָבן עס פײַנט — עס פערראָט זיי! אָבער, אַז אַך און ווי צו זיי, אַז דאָס איינציקע וואָס עס האַלט זיי נאָך צוזאַם — אויף זייער אייגעם פאַהיבל!... איז דאָס ייִדישע וואָרט, וואָס זיי האָבן עס נאָך קוים אונטער האַרץ באַהאַלטן, אָדער אינם אַקצענט פון דער פאַררעטערישער צונג.

ווי דער „שמע ישראל" פאַרמול אויף גוסס־ליפּן אַרבעט אין זיי טיילמאָל איין ייִדיש וואָרט, וואָס דערהאַלט זיי ביים לעבן.

מאַמע ייִדיש איז געגליכן צו אַזאַ קוואָקע וואָס איז אויסגעזעסן קאַטשקעלעך... אַזוי ווי די שלולי־הגלות־שליחים פון ישראל קומען אין גלות די גאָלדענע אייער פון אונטער דער הון אַרויסצוקריגן, אַזוי די אין דער ווייטער פרעמד פאַרפלויגענע ווילדע קאַטשקעס דערקאַטשן זיך בלויז צוריק, ווען מען דערקוטשעט זיי די יאָרן — איז וואָס קאָנען זיי שוין אַ סך פערשטיין, זיי וואָס טון אַלצדינג נאָר כפי עס לוינט זיך... זיי מוזן נעבעך לעבן מיט אַ לעצט ייִדיש וואָרט פאַרוואָרפן אין זייער פאַרלוירן האַרץ, ווי דער גוסס מיטן שמע



ישראל אויף די ליפּן... און ווײַל דאָס איז אַזוי, ווײַל די אָפיציעלע יעווסעקציע איז אַזויפיל ייִדישלעך ייִדיש ווי די יהודימשע סינאַגאָג איז לשון־קודשלעך רעליגעז, איז די ציניש רעהאַבעליטאַציע אין סאָוויעט־רוסלאַנד לגבי די ייִדישע קולטור אַזוי ווי זי איז; אַזוי ווי דער האַרטער דין איז: „שמע בכל לשון שאתה שומעה" — מעראַנען־„מדית־הדין"...

## געווידמעט אלע אסימילאציע־סעקציעס בכל לשון

צי האָבן דען די קעץ אַ לשון? זיי מיאַוטשן!
אַ הונט מיט אַ הונט פאַרשטייט זיך אויפן ביל!
וואָס וויל דען אַ קאַץ, כאַפּן אַ מויז מיט איר פּיסק
צוגעוואָרפענעם ביין גריזשען — אַלץ וואָס הונט וויל.

עס וואָרט סאָווע אָפּ פינסטערע גסיסה־שעה,
גנביש אָפּצומורמלען איר קללה אין דער שטיל.
ייִדיש שוין געשטאָרבן איז, שבעה שוין זי זיצט,
רײַבט זי זיך דעם הינטער פון נחת די גריל.

„קו — קו"! קאַמער־קאַמער־טיר שפּרינגט די קוקאַווקע
און וואַרפט אירע אייער אַריין אין פרעמדער נעסט;
סאָלאָוויי טיילט ביסן מיט קוקאַווקעלע קליין,
בשעת זי ערגעץ פאַרשטעקט ביז צעזעצט ווערן פרעסט.

„קראַ — קראַ", קראַקעט אַ קראַ, רײַסט קריע מיט געקלאַג,
אירע שוואַרצע פליגל שפּרייטן פגירה און פעסט,
און שוין די טשוויטשערלעך, די שוואַכע פייגעלעך,
פאַלן פון די הימלען פאַרפרוירען אין די פרעסט.

יאָ, „למה הולך הזרזיר על העורב"?
פרעסנדיקע קנאה האַלטן זיי צונויפגעפאָרט!
און דער פּאַפּאַגיי אין די פעדערן אויסגעצירט,
ווי צעפּלאַפּלט ער יעדעס אויפגעכאַפּטע וואָרט.

זיין אָקספּאַרדיש, מיט הברה ספרדיש־טראָפּ,
רינט ווי חזיר אים אַראָפּ כשר פון דער באָרד;
ווען נישט דאָס געפּאַנפּע פון זיין ייִדישער נאָז,
געמעגט שווערן, אַז דאָס דברט במחילה, אַ לאָרד.

צי האָבן דען די קעץ אַ לשון — זיי מיאַוטשען!
און ווי ס'פּישטשען נעבעך די הונגעריקע מייז!
זלידע זשומען גילדענע סוף זומער־פליגען,
און אין פרעמדן לייב עס עסן זיך איין די לייז.

דאָס לעצטע איז חלילה נישט מחמת פאַרגלייך,
ווער וויל דען מבזה זיין אַ שטיל וועזן וואָס זוכט שפּייז?
ס'האָט בלויז אַרײַנגעכאַפּט זיך מער צום גראַם מסתם,
פון באָרד אויבן אַרויס, דער לעבעדיקער באַווייז.

דר. יעקב י. מייטליס

## רעליגיעזע אויפלעבונג ?

דא נישט לאנג האט דער יידישער וועלט־קאנגרעס אין לאנדאן איינגעארדנט א סימפאזיום אויף דער טעמע: מדינת ישראל, ציוניזם און וועלט־יידנטום, אין וועלכן דער שרייבער פון די שורות האט אויך אנטייל גענומען. איינע פון די ערשטע פראגעס פון דעם עולם פארזאמלטע איז געווען, אויב איך דערמאן זיך ריכטיק, ווי אזוי און מיט וואס פאר א כוחות וועט מען קענען אנהאלטן דאס יידישע לעבן אין די גלות־לענדער. עס זענען געווען א ריי אינטרעסאנטע ענטפערס, אבער אין מיין תשובה האב איך מיך קודם כל געפרעגט: יידיש לעבן, וואס מיינט דאס? וואס פאר א יידישקייט ווילן מיר דאס ממשיך זיין? רעדן מיר דאך כסדר פון אן אינטעגראלער, אפילו א פונדאמענטאלער יידישקייט און איך ווייס אלץ נאך נישט, וואס דאס באטייט. ווילט זיך מיינען, אז אויב מיר ווילן ביי היינטיקן טאג אנהאלטן און באפעסטיקן דעם יסוד פון א שטארק, תוכיק יידיש לעבן, טא קען מען נישט מער ארויסלאזן פון קאן די טראדיציאנעלע, די רעליגיעזע יידישקייט, ווייל מיט בלויז ריין־וועלטלעכע כוחות איז שוין היינט נישט מער מעגלעך יידישקייט צו דערהאלטן.

די אייגנטלעכע תשובה אויף דעם פראבלעם פרובט דאס פאלק גופא צו געבן. אויב מיר מאכן קיין טעות נישט, באמערקט זיך יעצט א פארשטארקטע רעליגיעזע אויפלעבונג צווישן יידן בכל תפוצות ישראל. סימנים דערפאר זיינען פארהאן גענוג. איך זאג אויפלעבונג, וואס מיינט אויף די אייראפעישע לשונות: באנייונג, רענעסאנס. מיר יידן האבן דערפאר אפשר א מער פאסיקן אויסדרוק: אומקער, צוריקגיין, חוזר בתשובה זיין, וואס מיינט פשוט צוריקקומען צו זיך זעלבסט, צו זיין מקור, צו יידישקייט. ווייס איך אקוראט נישט, ווי ווייט למשל יידן אין ענגלאנד, אמעריקע צי אין אנדערע לענדער מיט גרעסערע יידישע יישובים, זענען געווארן לעצטנס פרומער. אפשר זענען זיי כלל גארנישט געווארן פרומער אין זין פון דת. אבער איין זאך איז קלאר, דער ייד איז געווארן אומרויק, ער האט זיין אמאליקע זיכערקייט פארלוירן. ערגיץ ווו שטימט זיין ביזאיצטיקער חשבון נישט. עפעס מאטערט אים און שרעקט אים. מען האט זיך פלוצים ארומגעזען, אז מען שטייט היינט ממש מיט הוילע הענט, מיט שטיבער אויסגעליידיקט פון א ידישן תוכן, ווו די אפגעפרעמדקייט וואקסט און מיט איר וויסטע עם־הארצות. זוכט מען אן אויסוועג פון דער ענגשאפט. ווייל מען נישט דערלאזן, אז דאס ביסל געהייליקטע ירושה זאל חלילה גיין לאיבוד, אז דער נר תמיד זאל זיך פארלעשן. פילן זיך יידן אפגעפרעמדט פון זייער מקור, איינזאם און אטאמיזירט, נאגט ביי זיי דאס הארץ און עס ציט מיט טויזנטער פעדים צו א יידישער סביבה, צו א ביסל ווארימקייט און היימישקייט, צו טראדיציע און יידישער גאנצקייט. האפט מען דאס טאקע צו געפינען צווישן אייגענע, צווישן יידן. איז די גאס געווארן פרעמד, גייט מען



צו זיך אהיים, כדי צו זיין מער צווישן זיך, זיך מיטאנאנדער שטארקער צו פארבינדן און אריבערווארפן בריקן איבער אמאליקע דורות און פארגאנגענע יארהונדערטן.

דער שורש פון דעם אומרו — און „תשובה"־געפיל, וואס באהערשט אזוי שטארק א גרויסן טייל פון אונדזער דור זענען גענוג באקאנט. לאמיר קודם כל דערמאנען דעם גרויסן חורבן אייראפע מיט דער טאטאלער פארניכטונג פון דעם סאמע לעבעדיקסטן און שאפערישסטן טייל פון פאלק. ביי א שווערן וואגן אנגעפראפט מיט יידישקייט און באנייונג איז אמאל געווען לייכט צו גיין צופוס. א משל צו קינדער פון א רייכן טאטן, וואס לעבן אן חשבון און פארתכלעוון יארן לאנג א גרויס פארמעגן. מילא, כל זמן דער טאטע האט געלעבט און מען האט נאך געהאט פון וואנען צו נעמען, האט דאס נישט אויסגעמאכט. עס איז נאך אלץ דא געווען א טאטע, וואס האט ממלא געווען דעם חסרון. שטארבט דער טאטע און פון דער ירושה איז שוין גאר ווינציק געבליבן, דעמאלט באזינט זיך יעדער פון די זין און נעמט אפהיטן יעדן גראשן.

אויך אונדזער היינטיקער, נאך אזא שווערן נסיון פארבליבענער דור קען זיך שוין נישט מער דערלויבן ווי אמאל, אין די גוטע צייטן, צו פארתכלעווען דאס אנגעקליבענע ביסל גייסטיקע פארמעגן. מען מוז טאקע האלטן חשבון, זיין פארזיכטיק מיט דעם ביסל ירושה, אז עס זאל נישט צערינען אונטער דער האנט און ווערן דערפון א תל.

אויך די רוסישע רעוואלוציע, פון וועלכער א דור קעמפער און טרוימער האט אזוי האפערדיק דערווארט די גרויסע מענטש־דערלייזונג, האט דאך אזוי ביטער, אזוי טראגיש אנטוישט. נישט דער מענטש און א פשיטא שוין נישט דער ייד אין רוסלאנד איז געווארן אויף אן אמת באפרייט. נאך פונקט אזוי ווי אמאל, גייט ער אויך היינט שווער אין שפאן פון דער אויטאקראטיע. די שווערע מערכה פון יידן אין סאוויעט רוסלאנד איז ווידער אמאל א בולטע ראיה, ווי עס האלט מיט יידן בכלל אין דער וועלט דרויסן. נאך פערציק יאר רעוואלוציע און באפרייונג איז דער ייד אינעם קאמוניסטישן גן־עדן אלץ נאך נישט פריי. קען ער זיך טאקע נישט אויסלעבן אלס ייד, נשט נאציאנאל, נישט שפראכלעך־קולטורעל און אפילו נישט רעליגיעז. אנשטאט אמתער פרייהייט איז געקומען קנעכטשאפט, הכנעה און שפלות. האבן מיר דווקא אינעם היינטיקן רוסלאנד, אין איינעם פון די שענסטע און וואגיקסטע יידישע יישובים, אנשטאט שטאלצע, פרייע, שאפערישע יידן, א מחנה אנוסים, אפגעריסן פונעם יידישן כלל און גייסטיק אטאמיזירט, וואס קיינער ווייס נישט וואס זייער גורל אלס יידן וועט זיין. ציטערט טאקע דאס יידישע הארץ און עס באפאלט אונדז א מוראדיקע אומרו צוליב זייער גורל. הענגט דער קיום פון יידישן וועלט־פאלק אלס נאך אויפן משקולת.

א ווייטערדיקע סיבה פאר דער אומזיכערקייט, וואס האט היינט־צו־טאג ארומגענומען ברייטע מאסן מענטשן און יידן בתוכם, איז טאקע די אנטוויקלונג פון דער טעכניק, אויף וואס דער מענטש האט מלכתחלה געלייגט אזעלכע

גרויסע האפענונגען, און וואס באאומדויקט אים היינט אזוי שטארק. האט דער מענטש אמאל געהאפט, אז די אנטוויקלונג פון דער מאשין, די באהערשונג פון די נאטור־כוחות, די באצווינגונג פון דעם אטאם וועט אים מאכן צופרידענער, גליקלעכער און בעסער, האט ער געהאט א מוראדיקן טעות. דווקא די טעכנא־לאגישע רעוואלוציע פון אונדזער דור, וואס האט אנגעשפארט ביז אין די סאמע הימלען און אין די לעצטע וואכן אפילו באשאפן א קינסטלעכע לבנה, וואס קרייזט ארום מעשה גולם צווישן די אייביקע הימל־קערפער, האט אונדז אין פלוג באוויזן, אז מיר האבן געמאכט דעם חשבון אָן דעם באלעבאס. נישט נאר האט אונדז די מאדערנע טעכניק נישט באפרייט און דעם מענטש דערהויבן, נאר להיפוך זי האט גאר דעוואַלואירט זיינע ווערטן און באדראט אים אין גאנצן צו באהערשן. אנשטאט אונדז צו באווארענען מיט א זיכערן באשטאנד, האט זי אים בפירוש געשטעלט אין א גרויסער סכנה. דער סוף איז, אז אויפן ארט פון צו זיין דער האר פון דער טעכניק, ווערט דער מענטש אלץ מער און מער משועבד צו איר און פארלירט יעטוועדע פערזענלעכע האנדלונגס־פרייהייט. די קינדער בכן, וואס אט די אומפערזענלעכע טעכנאלאגיע האט אונז געבוירן, זענען לויט זייער מהות אונדז אין גאנצן פרעמד, טעמפע ווערק, א באשאף פון מענטשלעכע הענט. האט שוין אמאל דער בארימטער פילאסאף העגעל גערעדט וועגן דער „שאפערישער אפגעפרעמדקייט" פון מנטש און זיין קינסטלעכן באשאף, וואס איז אים נישט תמיד געגראָטן. אויב דאס איז חל געווען אמאל, שטיין מיר היינט באשטימט בסימן פון א „טעכנאלאגישער אפגעפרעמדקייט" פון מענטש און מאשין. האט די לעצטע טעכנאלאגישע אנטוויקלונג מסתמא איינקאלקולירט אין איר מאטעמאטישן חשבון אלע געזעצן פון מעאכניק און באוועגונג, אבער זי האט אפנים אין גאנצן פארגעסן אין דעם לעבעדיקן מענטש, איר באשאפער און האר.

שטייט דער מאדערנער מענטש און מיט אים טאקע דער ייד פאר א נייעם דילעמא. פראגרעס און טעכניק האבן אים נישט געגעבן די נויטיקע פערזענלעכע פרייהייט און זיכערקייט. אדרבא, עס הערשט אומעטום א געפיל פון באהאלטענער מורא און פעסימיזם, צי וועט נישט אמאל דער גולם, דער באשאף פון מענטשלעכע הענט, אים אליין פארניכטן. אמת די מאשין, וואס מיר האבן געשאפן איז גאר ניצלעך און פון א גרויסן באטייט. זי קען אבער ווערן א קללה פאר דעם מענטשלעכן מין, אויב זי ווערט דער עיקר און דער מענטש דער טפל. זעען מיר טאקע היינט א מאדנע בילד פאר אונדזערע אויגן. דער מענטש אין זיין שגעון האט זיך פארמאסטן איינצונעמען די הימלען נאך איידער ער האט באוויזן צו גיין אויף גאטס ערד ווי א מענטש. אין א ווילדן טעכנישן געיעג דראפן זיך פעלקער ארויף אין די הימלען, מיט אן אומבאגרע־ניצטער תאווה צו מאכט און געוועלטיקונג, נאך איידער עס איז זיי אפגעגליקט אפצושאפן נויט און אומגערעכטיקייט, עוולות און אונטערדריקונגען אויף דער ערד, ווו זי וווינען. ברויכט מען נאך א גרעסערן קאנטראסט צווישן מענטש און זיין ציוויליזאציע?



איז פארשטענדלעך וואס אט דער מצב האט ביי דעם מאדערנעם ייד ארויסגערופן א געוואלטיקע צעמישונג און א טיפע אויפטרייסלונג. קען טאקע דער ייד אין דער פרייער וועלט נישט לעבן אין א גייסטיקן וואַקואום, ליידיק ארום און ארום, אפילו ווען ער לעבט אין מאטעריעלער שפע. לעבט דאך דער מענטש נישט נאר פון ברויט אליין. איז דער חשבון דרויסן אין דער וועלט צערודערט, וויל ער לכל־הפחות, אז זיין פערזענלעכער, אינטימער חשבון אלס ייד זאל ווי עס איז שטימען. זוכט ער טאקע א וועג ארויס פון דעם גייסטיקן דילעמא. ווייס איך נישט, ווי מיר וואלטן היינט אויסגעזען אין דער גרויסער צעטומלעניש און אפגעפרעמדקייט, אויב נישט דער נס פון מדינת ישראל, מיט דעם גאנצן נאציאנאל־סאציאלן אויפברויז פון באנייונג און גאולה, וואס טראגט זיך מיט אימפעט פון איין עק יידישער וועלט צום אנדערן. וויל אבער דער ייד, אז אויך דער חשבון מיט זיין טראדיציע און יידישער תוכיקייט זאל אויך שטימען. ער וויל געפינען א גייסטיקן רו־פונקט פון זיינע צווייפלען און יסורים. ווענדט זיך זיין בליק יעצט מיט מער צוגעבונדנקייט צו די אלטע שאפונגען פון ידישן גייסט און צו דער שול, דעם בים הכנסת, אלס עקספאָנענט פון דעם רעליגיעז־יידישן לעבן. איז שווער צו זאגן צי דער ייד איז בעצם געווארן פרומער, אפשר גאר נישט, הגם ער גייט אין שול, שיקט די קינדער אין חדרים און רעליגיעזע שולן צי גאר אין ישיבות, ווי עס טאן למשל א סך וועלטלעכע יידן אין אמעריקע. דער וועג צו אמתער פרומקייט איז זיכער נאך גאר א ווייטער, אבער אלס אן אנהויב פון א בהדרגהדיקן צוריקקומען צו א רעליגיעזער יידישקייט איז דאס גאר אנטרעסאנט.

אגב בעמערקן מיר גאר א טשיקאווע דערשיינונג, אז די אמאליקע ביליקע אפיקורסות, דער פלאכער ראציאנאליזם פון דעם „אויפגעקלערטן" ייד, פאר־לירט אלץ מער און מער איר באדן. מען שעמט זיך שוין גאר צוביסלעך מיט איר. דער היינטיקער מענטש ווייס, אז נישט אלץ וואס איז אמונה איז פינצטער, אדרבא,אפגעשטאנען און רעאקציאנער, ווי אמאליקע ראדיקאלן האבן דאס אויסגעטייטשט. אדרבא, מען וויל היינט געפינען א וועג, וואס פירט צוריק צום אלטן מקור, שאפן א סינטעז פון אייראפעישער קולטור און דעם אור הגנוז פון יידנטום, ווייל אין אים ליגט טיף באהאלטן דער שורש פון אונדזער נשמה, עס איז דער יסוד אויף וואס עס בויט זיךאונדזער היינט.

בעצם באמערקן זיך ענלעכע דערשיינונגן אין מדינת ישראל. דווקא די מדינה מיט אירע שארפע חבלי־לידה איז ביז גאר א פרובפערדיקער באדן פאר אט די שטימונגען און געפילן. הערט מען היינט זייער אפט קריטישע שטימען וועגן דער אפגעפרעמדקייט פון דער ישראל־יוגנט פון יידישן מקור, אפשר נישט ווייניקער ווי אסך יידישע בחורים אין פאריז, לאנדאן אדער ניו־יארק. ווייס מען גאנץ גוט, אז מיט בלויז רעדן עברית מיטן שארפן פתח, האט מען זיך נאך נישט קונה שביתה געווען אין דעם רייכן עבר פון ישראל סבא. מיט בלויז „רענעסאנס־קולטור" און מיט וועלן זיין ככל הגוים, טאקע געזונט, נארמאל, שטארק און קענען געבן א קלאפ דעם שונא, קען מען נאך נישט

שאפן א באנייט, אינטעגרירט פאלק אויף זיין היסטארישן באדן. די יידישע געשיכטע הייבט זיך דאך נישט אן פון נעכטן, נישט פון דער מלחמת השחרור (פון דעם לעצטן באפרייונג קאמף) צי אפילו פונעם ציוניסטישן קאנגרעס. דער יידישער פאלק־בראשית איז א סך עלטער. מיר קענען נישט אריבערהיפערן לעבעדיקע תקופות פון יידישן זיין און יצירה און זיי אויסמעקן פון אונדזער זכרון, ווייל זיי זענען גלות־פראדוקטן. נעבן דעם גרויסן היינט איז אויך דא נאך א גרעסערער נעכטן און אייערנעכטן אויף וואס מיר קענען נישט און מיר ווילן נישט מותר זיין.

מאכט זיך נישט לאנג צוריק א מעשה, און יידישע יוגנט פון מדינת ישראל קומען צו פארן קיין מאסקווע צום יוגנט־פעסטיוואל אין זומער 1957. ווערן די רוסישע יידן מלא התלהבות פאר די אנגעלעגענע געסט פון דער מדינה, אנט־שטייט א גייסטיקע דערנענטערונג און מען צערעדט זיך וועגן יידישקייט און אנדערע ענינים, וועגן סידור, ציצית און תפילין. ווערן מיר פארשעמט. ישראל־בחורים, די פארטרעטער פון דער מדינה צווישן זייערע אייגענע ברידער אין חוץ־לארץ, ווייסן וועגן דעם גארנישט. פאר זיי איז דאס אלץ פרעמד. פרעגט מען זיך היינט אין דער העברעישער פרעסע, ווער טראגט די שולד פאר אט דער עם־הארצות, צי טאקע די יוגנט, וואס האט פון דעם קיינמאל נישט געהערט, צי גאר די עלטערן און די דערציער פון דעם דור צאברעס, וואס האבן אין זייערע יונגע הערצער איינגעפלאנצט א געפיל פון ביטול אויב נישט פון פא־ראכטונג צו אלץ וואס איז גלות און בתוכם יידישקייט. האט מען זיך ארומגע־קוקט, אז מען איז צו ווייט אוועק, היפש אריבערגעכאפט די מאס. זענען דאס די יוגנט די אמתע שליחים פון דעם זיך באנייענדיקן פאלק אויף זיין היסטארישן באדן ?

ווי ווייט מען קען זען, האט זיך אויך אין מדינת ישראל עפעס אויף דעם געביט א ריר געטאן. אויך דער מאדערנער ייד אין ישראל איז געווארן יידיש־לעך אומרויק, זיין זעלבסטזיכערקייט האט זיך א קאפעלע א וואקל געטאן. זוכט אויך ער יעצט א דערנענטערונג סיי מיטן יידישן עבר און סיי מיט די לעבע־דיקע טיילן פון פאלק אין דער גארער וועלט. עס מוז קומען א סוף צו דער אפגעפרעמדקייט לגבי יידישקייט, אירע פארגאנגענע שאפונגען און ווערטן. סימנים, אז די שטעלונג ענדערט זיך צו ביסלעך זענען פארהאן. אט האט מען למשל אין מדינת ישראל אנגעהויבן איינצופירן אין די שולן א ריי למודים, וואס זאלן באקענען די יוגנט מיט וועזנטלעכע עיקרים פון דער יידישער אמונה, מיט געוויסע מנהגים און דעם רעליגיעזן צערעמאניאל. האלט דאס אפשר נאך ווייט פון א רעליגיעזער באנייונג, אבער דערווייל וויל מען איינפלאנצן אין די הער־צער פון דעם יונגוואַרג א „יידיש באוווסטזיין", זאלן זיי לערנען צו פארשטיין און אפשאצן וואס יידישקייט איז. וויל מען טאקע אויף אזא אופן ענגער פאר־בינדן דעם דור פון די מדינה־בויער מיט די לעבעדיקע, שאפערישע טיילן פון פאלק, זיין דינאמישן היינט מיט זיין גרויסן נעכטן.

דער חורבן אין אייראפע, די ביטערע אנטוישונגען אין פראגרעס און טעכניק



צווינגען אונדז היינט צו אן ערנצטן הרהור־תשובה, וואס מאנט פון אונדז צוריק צו געפינען דעם וועג צו זיך, זיך ענגער און פעסטער פארבינדן מיט דער אלטער, פילגעשטאלטיקער יידישקייט. שטיין מיר יעצט פאר א נייער, טיפער רעליגיעזער אויפלעבונג ? עס איז שווער צו זאגן. געוויסע סימנים זענען יא פארהאן, אבער א סך וועט זיין אפהענגיק פון די רעליגיעזע קרייזן גופא. אויף זיי ליגט יעצט דער הייליקער עול פון דערנענטערן די הערצער, גובר זיין די רעליגיעזע אפגעפרעמדקייט און טאקע ברענגען דעם פאלק די אמתע געטלעכע בשורה, נישט נאר די וואס בינדט, נאר וואס פאראייניקט און באפרייט באגלייך. זאל דאס זיין א בשורה פון יחידישער גאולה, וואס גייט האנט אין האנט מיט שאפערישער פרייהייט און עכטער הומאניטעט. וועט אפשר אט די בשורה באלד קומען פון די פון דאסניי באפרוכטעטע בערג פון יהודה און אפרים ?

לאנדן, דעצעמבער 1957.

## שמואל וואהייט

## טויט האט אין מיין טיר אנגעקלאפט

דער טויט האט אין מיין טיר אָנגעקלאפט
איך האב אים ליבליך אריינגעבעטן,
טויט האט אזוי מאדנע מיך באַטראכט,
ווען איך האב מיין פלאץ אים אפגעטרעטן.

איך האב טויט אָן מורא אפגעמאסטען,
ער האט פאר מיין בליק זיך שטארק דערשראקען.
מיטאַמאָל האט ער אויסגעדונערט
ווי מיט צען טויזענד טויטענגלאקען.

ווייסט דו ניט ווער איך בין ? די שוטה,
איך בין טויט ! ! ! כ'האב אַשמייכעל געגעבען :
קענסט מיט טויט מיך ניט איבערשרעקען
ערגער ווי טויט — קען זיין דאס לעבן.

טויט האט מיט ציטערניש מיך פארלאזט,
מיט רוגזה א קלאפ אין טיר געגעבען,
הויך מיט ביטערניש האט ער געשריגען :
הערט — ערגער ווי טויט — קען זיין דאס לעבן.

ווען איך האב פון מיין שלאף אויפגעוואכט
האב איך נאך טויט געזען פארשוועבען —
מיט הוילען געלעכטער וואס האט געהילכט :
הערט — ערגער ווי טויט — קען זיין דאס לעבן . . .

## יהודה ביעטש

# „טהי ווהייט עלעפאנט“

פייוול כ״ץ, א ייד א הויכער, מיט איין פלייצע נידעריקער פון דער אנדערער, האט געהאט א טבע צו שפרייזן מיט קליינע טריטעלעך יעדן אינדערפרי אויף דער זייט גאס, וואו ס׳געפינען זיך די מיינסטע „שאפּן“, אהין און צוריק, אהין און צוריק, ווי אן אומרו, וואס באוועגט זיך ריטמיש אויף א גרויסן וואנטזייגער — טיק־טאק, טיק־טאק. ער פלעגט זיך אבער אפט אפשטעלן און כאפּן א בליק אויף דער צווייטער זייט גאס, וואו ס׳האט זיך אים אויסגעוויזן איז תמיד געשטאנען לײדיק א שאפּ, וועלכע די סוחרים פון דער געגנט האבן גערופן „טהי ווהייט עלעפאנט“.

די אנגעשטעלטע יונגעלייט און די מיידלעך פון די געשעפטן זענען שוין אזוי געוואוינט געווען מיטן אפּקלאנג פון זיינע גלייכמעסיקע טריט, אז זיי האבן אים געקרוינט מיט א שיינעם נאמען: „פיליקס טהי קעט, קיפּס אן וואקינג“, נישט וויסנדיק, אז די בריוו־טרעגער האבן אים שוין לאנג דעקארירט מיט פארשידענע נעמען, ווי למשל „פייוויש כ״ץ“, „פייבוש כ״ץ“, „פיליקס כ״ץ“ און נאך אנדערע נעמען.

פייוול כ״ץ איז אבער בעת זיין שפּאנען איבער דער גאס טריט ביי טריט געווען אזוי אריינגעטון אין עפּעס א טראכטעניש וועגן דער ליידיקער שאפּ, „טהי ווהייט עלעפאנט“, אז ס׳איז אים ממש געגאנגען בנפשו געוויי צו וויסן וויפל, אשטייגער, יידישע קרבנות האט די שאפּ שוין איינגעשלונגען אין פארלויף פון די אלע יארן זינט ער וואוינט אין ווערסט־העפּסטעד. אבער יעדעס מאל איז ער געווארן אונטערבראכן פון נישט־פארויסגעזעענע זאכן, למשל צוויי הינט האבן זיך באגעגנט, זיך באשמעקט, געדרייט מיט די עקלעך און פאר גרויס פרייד, מיט א האוו־האוו, זיך פאנאנדער־געבילט; אן אנדערשמאל איז דאס פערד פונם מילכמאנס וואגן ארויף אויפן טראטואר און אים פארשטעלט דעם וועג אדער א מיידלישע פיגור, מיט א בלאנדן קאפּ האר, איז פלוצלונג פון א שאפּ ארויסגעקומען און זיך צוזאמענגעטראפן מיט זיינע אויגן; וועלכעס האט אים אין דער רגע במחשבה צוריקגעפירט צו זיין יוגנט... דאס אלץ האט אים אזוי אויפגערעגט, אז ער האט תמיד געמוזט אפּלייגן זיינע חשבונות אויף א גינסטיקערער צייט.

אין דער זעלבער גאס, וואו פייוול כ״ץ האט געוואוינט, האבן בשכנות מיט אים געוואוינט די פאמיליע בארני סאקער. ער איז געווען א קליין, אויסגעפּאשעט יידל מיט גלאנציקע, רויטע באקן: א מטופּל מיט קינדער, מיינסטנס מיידלעך. געווען איז ביי זיי בלויז איין יינגל וועמען די באיעס און מיידלעך אין געסל האבן גערופן דזשים שנוק; מחמת דעם וואס ער איז געווען אפּגעלאזן און חושימדיק, דאס הייסט, נישט פיש, נישט פלייש. אונטערגעשלעפּט די פיס זיינע בשעתן גיין איבער דער גאס און דעם קאפּ געהאלטן אויף א זייט.



די מאמע זיינע, אן עלטערע, אויסגעקינדלטע יידינע פונם אלטן שניט, פלעגט תמיד איר זון באדויערן, באוויינען מט דעם אלטן פזמון, ווי אסך אנדערע יידישע מאמעס.

— געהערט א מעשה, אז אן אונטערוואקסנדיקער בחור זאל גאנצע טעג שטיין און קוקן ווי די פייגל פליען! שוין צייט, כלעבן, צו ווערן א לייט... — און גאנץ ברייטלעך געגומען אויפוייזן, אז נישט לייטיש איז דאס און יענס. דאס הייסט אויף יידיש ניע מע, ניע מו, ניע קוקורוקו. — און וואס וועט פון אים ווערן? וועלכעס יידישע מיידל וועט אים נעמען? — און נאך און נאך.

זי האט זיך ערשט גענומען גרייטן צו א נייעם פזמון, נאר א גליק וואס דער קוילנמאן האט פונקט אין דער מינוט גענומען שרייען:

— קוילן, קוילן!

אבער ווי זאגט מען, א מענטש טראכט און דער מלאך לאכט! און ווי עס זעט אויס איז שוין פון לאנג אין הימל געווען אנגעצייכנט וועלכעס נשמהלע זאל געהערן צו פלוני בן פלוני.

איינמאל אין א פרייטאג פאר קריסטמעס, צו דער גרעסטער איבערראשונג פון מרס. סאקער, האט דזשים אהיימגעברענגט א מיידל: בערטא פינקלשטיין, און זי פארגעשטעלט פאר זיין מוטער. מר. סאקער איז פונקט נישט געווען אין דער היים.

בערטא איז געווען א שיין, אינטעליגענט מיידל און א גרויסע בריה אין באלעבאטישקייט. די גאנצע פאמיליע האט זיך ממש געשמאלצן פאר נחת און גליק.

— זעסטו, בארני, — האט זי געזאגט, — אז גאט וויל, שיסט א בעזים... און איך, נארישע מאמע, האב געוויינט, אז ער וועט שוין תמיד בלייבן א „בעטשעלאר“!

זי האט א שטילן, נחתדיקן זיפץ געטון און אירע אויגן האבן געגעבן א שיין אויף, ווי זיי וואלטן זיך געווען איבערגעוואשן אין די טרערן.

— דו וועסט זען, בארני, איך בין דיר מבטיח, אז ס׳וועט פון אים ווערן א לייט. נישקשה, נישקשה, מיין דזשים וועט זיך אן עצה געבן, נישט ווי דו, שליממזל, נאך אזויפיל יארן נישט צו האבן אפילו קיין רעכטע דירה.

קיצור הדבר, נאך א שטיקל צייט ארומגיין מיט דעם דאזיקן מיידל, האבן זיי מיט מזל חתונה געהאט; און ווי ס׳פירט זיך ביי לייטן גענומען זוכן תכלית. דערזעענדיק א ליידיקע שאפּ, האבן זיי נישט פיל געטראכט און זי געדונגען.

די ווארנונג פון זייער שכן פייוול כ״ץ וועגן דער שאפּ, אז זי איז א שלימזלניצע, א „ווהייט עלעפאנט“, האט גארנישט געהאלפן; אפילו נישט זיין טענהן, מחמת איינקע טעמים, אז זי שטייט אויף דער אנדערער זייט גאס, וואו ס׳גייען פארביי ווייניק מענטשן און דערצו — איז זי פאררוקט אביסל אין א זייט. שנית, טוישן זיך די בעלי־בתים יעדע פאר חדשים, פארלירן זייער געלט; שוין אפּגערעדט די ארבעט, וואס זיי לייגן אריין; און זענען העכסט צופרידן ווען זיי ווערן פטור פון דער צרה.

בערטא אבער, האלטנדיק זיך פאר א גרויסער בריה און פאר געניט אין געשעפטס־זאכן, האט נישט גענומען אין אכט די אלע רייד פון זייער שכן פייוול כ״ץ.

— מאלע וואס מען רעדט, — פלעגט זי מיט א דין שמייכעלע זאגן, און ענערגיש זיך גענומען צו דער ארבעט.

צום אלעם ערשטן איבערגעפארבט אלץ אויף מאדערנע ליכט־קאלירן, ארויסגעהאנגען א שיין שילדל מיט גרויסע, גאלדענע אותיות: ב. סאקער עט קאמפ. — די איינציקע שאפ פאר די בעסטע זאכן.

לכתחילה האט זיך געלייזט צו ביסלעך. מענטשן זענען תמיד נייגיריק צו וויסן וואס סעטוט זיך ביי יענעם אין טעפל; געלויבט בערטאן פאר איר מוט, הגם זי אליין האט אנגעוואנדן אלע מעגלעכע מיטלען זיך ווי ס׳איז אין דער שאפ איינצובירגערן, מיט דער האפנונג אויף שפעטער. אבער ביסלעכווייז זענען די קונים אפגעשטאנען, און ס׳האט זיך אנגעהויבן די אלטע מעשה. מיט א דריי חדשים שפעטער איז דזשים שנוק מיט זיין ווייב בערטא געקומען צוריק צו שווער און שוויגער אויף קעסט...

אזוי האט זיך געצויגן וואכן מיט חדשים. די טעג זענען פאר דזשימען געווען נאך ווי ס׳איז צו דערליידן, די נעכט אבער זענען פאר אים געווען אן אמתדיק גיהנום. אחוץ דעם, וואס בערטא איז אים דערגאנגען די יארן מחמת ער האט נישט געקענט געפינען קיין באשעפטיקונג, פלעגט זי אויף צו להכעיס אים רופן לעקיש איינער און ענלעכע נעמען.

— אנדערע געפינען דזשאבס, נאר דו געפינסט נישט! שלימזל, וואס האסטו געהאט צו מיינע יונגע יארן?! געהערט א געלעכטער, דאס וויל נאך, אז כ׳זאל אים האבן קינדער!

און דאך, אז ער פלעגט מיט נישט־פארשטענדלעכע ווערטער נעמען רעדן פון שלאף, וויינען און שלוכצן, פלעגט זי בשעת די אנפאלן האבן מיטגעפיל מיט אים אין זיין געפאלנקייט. אים כסדר געוועקט:

— דזשים, דזשים, וואס שרייסטו? וואס איז דיר?

אבער איינמאל, נאך א שווערן טאג ארומזוכן עפעס א באשעפטיקונג, האט ער צו זיין גרעסטן סיורפריז אין א שפעטער שעה, ווען ס׳איז נישט טאג און נישט נאכט, אין אן ארבעטס-ביורא באקומען אן אדרעס פון א געוויסע אינזשענירן־פירמע, וואו מען מאכט פליי־מאשינען. מען האט אים געזאגט, אז דארטן נויטיקט מען זיך אין הענט. דזשים איז דעם טאג פריער ווי אלעמאל אהיימגעקומען, און מיט א הכנעהדיק שמייכעלע בערטאן געוויזן דעם אדרעס, וואו ער דארף זיך גאנץ פרי מעלדן.

בערטא, א פארביטערטע פון איר איצטיקער לאגע וואס זי מוז ווידער ארבעטן ביי איר מיידלשער ארבעט, האט מיט א קרום מינעלע א שמייכל געטון.

— זע נאר, זע נאר, פון ווען אן האסטו עס א באגריף אין אינזשיניערסקע זאכן? פארשטייסט דען עפעס אין פליי־מאשינען? חכם מיינער, האסט נישט



געקענט געפינען קיין לייכטערע זאכן. א געלעכטער הא? פליען ווילט זיך דיר, פליען, פליען!

דזשים איז אין דער מינוט געבליבן ווי געפלעפט. דערפילט, אז ר׳איז א פארפאלענער, א פארלוירענער אויף אייביק. אבער ר׳האט זיך באלד געכאפט, ווי איינער וואס טרענקט זיך כאפט זיך אן אין א שטרוי.

— זיי זאגן דאך, אז מען דארף נאר הענט; און פארוואס זאלן מיינע הענט נישט זיין אזוי גוט ווי די הענט פון די אנדערע, וואס ווייסן אפשר נאך ווינציקער ווי מיינע אין די אלע זאכן?

מיט א שווער הארץ און ביטער אויף דער נשמה, האט דזשים זיך געלייגט שלאפן וואס פריער.

— נו, טאקע, — האט ער צו זיך גערעדט, — זי איז דען נישט גערעכט? וואס פארשטיי איך אין פליי־מאשינען? אבער הענט דארף מען דאך!... — מיט די שווערע געדאנקען איז ער, א מידער פונם טאג, איינגעשלאפן. ער איז געלעגן אויפן רוקן, געכראפעט, געבלאזן „תקיעות“ מיט זיין פון־א־שווערן־קאטאר־פארלייגטער נאז.

דער מלאך החלומות אבער האט, ווי תמיד, געטון ס׳זייניקע, שטעלנדיק זיך אים צוקאפנס. און ס׳האט זיך דזשימען אין קאפ געשפונען א מאדנער חלום: ער איז אין דער פאבריק אנגעשטעלט, איז דער בעסטער ארבעטער, האלט שוין זער ווייט, גאר וייט. ער מאכט ספוטניקס. און בעת דעם ארויסשיקן אזא ספוטניק אויף דער וועלט האט ער שטארק געארבעט מיט דער פארלייגטער נאז, מעכאניש אויסגעשטרעקט א האנט ווי וועלנדיק נאכפארן דעם ספוטניק אויף זיין פלי ארום דער וועלט; און אפשר טאקע אפשטעקן א שלום עליכם דער לבנה? ווער ווייסט?

— נו, וואס וועט בערטא איצט זאגן, מיט אירע צווידייטיקע חכמהלעך? „דזשים, דו פארשטייסט דען עפעס אין פליי־זאכן?“ — א שאלה צי ער פארשטייט? אודאי, וואס דען? און מיט גדלות שיקט ער ארויס איין ספוטניק נאכן אנדערן, באגלייט מיט משונהדיקע, מאדנע קולות, ווי איינער וואס וויל וועמען ווייזן ווער עלטער איז...

בערטא, וועלכע האט די אלע יארן נאך זייער חתונה קיין קינדער נישט געהאט, האט פלוצים זיך צעקינדלט און געהאט פיר מיטאמאל, דאס הייסט איינס נאך איינס, פיר קליינטשיקע מיידעלעך, שיינע, פעמקעוואטע, אז ס׳איז געווען א מחיה זיי אנצוקוקן. און מענטשן פון איבעראל זענען ממש געקומען כאפן א בליק אויף די פיר וואונדערלעכע קינדערלעך. מען גילט אים אפ, א רענדל א קוק. ער קען שוין גליקלעך אפלעבן זיין וועלטל... א קליינקייט, טויזנטער מענטשן קומען פון גאנץ ווייט בלויז צו כאפן א בליק!

דזשים שנוק הייסט שוין סיר דזשיימס, מיט א ווילע אין ברייטאן, א הויז אין בארנמוטה, מיט דינסטן, קארס און א שאפער, וואס מען רופט אים בילי און וואס ער טראגט שיין פארשווירעגע וואנסעלעך. און דער בילי פוצט זיך צו בערטאן, מאכט חנדלעך, שפיזט זי דורך מיט זיינע כיטרע, שמייכלדיקע אויגן,

דערנענטערט זיך צו איר. זיינע וואנסעלעך באַרירן שוין איר פּנים...

דזשים האָט פּלוצים אַ ביטערן, פאַרקוועטשטן געשריי געטון פון זיין אומרואיקן שלאָף:

— דו חזיר אויער! אייזל קאָפּ, כ׳וועל דיך אַרויסוואַרפן ווי אַ הונט אַרויס, אַרויס!

אַ פאַרהלשטער איז ער, מיט אַ שווערן קלאַפּ, אַראָפּגעפאַלן פון בעט צו דער ערד.

נאָך דער דאָזיקער נאַכט איז ער אַ שווער־קראַנקער אַ שטיק צייט אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל; די ערשטע טעג אפילו גערעדט פון היץ, כסדר שרייענדיק:

— כ׳וועל אים אַרויסוואַרפן דעם הונט, אַרויס, אַרויס!

* * * * *

דער ווינטער פון יאָר 1957 איז געווען אַ קאַלטער, און פייוול כ״ץ אָדער ווי די אָנגעשטעלטע פון די שאָפּ האָבן אים גערופן, „פיליקס טהי קעט קיפּס אָן וואָקינג“, איז מחמת זיינע עלטערע יאָרן און שווערן הוסט נישט אַרויס מפּתח ביתו. ער האָט ביי זיך געטראַכט:

— אוואַ, אוואַ, וואָס ס׳קען זיך אַלץ פּאַסירן אין אַ מענטשנס לעבן! אַ שרעק, ווי איך בין אַ ייִד! נו, אַ מעשה מיט אַ חלום, אַזאַ מעשה! איך האָב אָבער באַלד געוואוסט, אַז ס׳וועט זיך אויסלאָזן נישט צום גוטן. יאָ, דאָס איז, אַז מען האָרכט נישט קיין עלטערן מענטשן.

פאַרשיידענע מחשבות האָבן געעקבערט זיין מח, און איצט מער ווי אַלעמאָל. נאָך דער מעשה מיט דזשימען האָט זיך אים ערשט שטאַרק געוואָלט וויסן וויפל ייִדישע קרבנות דער „ווהייט עלעפאַנט“ האָט שוין איינגעשלונגען. ער האָט זיך געחידושט און נישט געקענט פאַרשטיין ווי זאַכן קענען זיך צונויפוואַקסן מיט אַ מענטש. אַגבֿ, האָט זיך אין אים צעפלאַקערט אַ טאָפּלע גייגיריקייט צו זען די איצטיקע בעלי־בתים פון דער שאָפּ.

ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף די ערשטע פרילינגס־שטראַלן, וואָס האָבן תּמיד, ווי להכעיס די אַנדערע שאָפּן, באַשיינט דעם „ווהייט עלעפאַנט“ יעדן פרימאָרגן מיט אַ גאָלדענעם שימער.

אָבער ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן צו זען, ווען ווי זיין מנהג צו שפּאַנען איבער דער זייט גאַס, וואו ס׳זענען די מיינסטע שאָפּן, אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, מיט דער טבע זיך אָפּצושטעלן, כדי צו כאַפּן אַ בליק אויף דער שאָפּ, וועלכע מען האָט גערופן „טהי ווייהט עלעפאַנט“ — ניין, ער קען נישט גלויבן זיינע אייגענע אויגן! אַז עס שטייט דאָרט גאָר אַן איבערגעבויטע, רחבותדיקע שאָפּ, מיט אַסך ליכט! קונים קומען אַריין און גייען אַרויס, געלט שאַרט מען ממש מיט לעפּעטקעלעך...

— אַ שאָד, — האָט ער צו זיך געזאָגט, — וואָס כ׳בין נישט קיין פאָטאָגראַפיסט. ס׳וואָלט געווען אַ יושר צו האָבן אַזאַ פאָטאָגראַפיע לזכרון פון ייִדישע מענטשן, וואָס זענען אין דער שאָפּ קראַנק און בדיל־חדל געוואָרן...

נישטאָ מער „טהי ווהייט עלעפאַנט“, עס איז איצט אונזער נייער פּאָסטאָפיס...



## א. נ. שטענצל

# ווינטער באַלאַדע

„הביאני המלך חדריו“ (שיר השירים)

1

אַלע זיינע גערטנער און סעדער וויאַנען,
גרוי־פאַרשטויבט, שפּין־געוועבס שווער אַרומהענגען,
זינג־פייגל זיצן טויט צווישן די צווייגן,
ווען ער זי אין זיין ווינטער־פּאַלאַץ ברענגען:

„פאַרמאַך די אויגן דעם אַרום נישט צוזען.
טוכלע גערוך, חלילה, נישט צו שפּירן,
פאַרשטעק אויפגעשרעקטן אָטעם אין מיינעם,
ביז צוקומען צום לאַבירינט פון טירן“.

דער ענגער גאַסן־געדרענג וואָס אַרום זיי — — —
מינדסטער נאָך וויל כאַפּן אויף איר אַ בליקל!
אַז דאָס אָרעמע פאָלק זאָל זי זען קענען,
געפירט זי דורך קלענסטן געסל און ליקל.

נעפּל־זיידן פאַלן טעפּיכער פאַר זיי,
ווי וואָלן־ווייך שניי־ווייס דיוואַן געוויקל.
איז נויטיק געווען אַ זילבער טראָג־בעטל,
צו טראָגן זי, ביז דאָ אַהער, דאָס שטיקל?

אויף מירמלשטיין־טרעפּ שפּאַנען ברייט זיי אַצינד —
אויף גליטשיקן־גלאַט גלאָז־אייזיקע שטיגן;
דער געליאַרעם אַרום — די האַרעם ווייבער,
זי דערזעענדיק, גענומען זיך קריגן.

„עפן אויף דיין בליק דו, און איך מיין האַרץ דיר,
און אויס און איין, אַ פּרינץ מיט זיין פּרינצעסן,
וועלן וואַנדלען מיר אין ווינטער לוסט־גאָרטן,
דערעסנדיקן דרויסן גאַנץ פאַרגעסן“. —

שטייגעלעך אויף קייטעלעך גאָלד־געשאָקלט —
פייגעלעך־געפלאַפּל שטילינק איינרוימען,
אין לאַנגע ווינטער־נעכט זיך אונטערגעהערט,
זיינע פאַרגעסענע שלאָף־שווערע־טרוימען —

— — — — — — — — — — — — — — — —

שטיל, נאָך שטילער, ער וויל זיך אויך איינהערן,
צום זיס זינגענדיקן פויגל־געפלאַפּל — — —
אויפגעוועקט אינמיטן זיינע חלומות,
שרעקט ער תמיד אויף, מיט דעם־אַ האַרץ־צאַפּל.

2

ווען אָנגעצונדן דאָס ליכט אין זיין שטיבל,
אַלע שאָטנס אין די ווינקלען פאַרטריבן,
און ער, דער טונקלסטער, איז ליכטיק געווען,
ווילאַנג זי איז אין זיין שטובל געבליבן.

תכלת־בלוי, סאַמעט בלויז, אַטלעס און זיידן —
אַ פאַווע האָט עופעלעך אויסגעזעסן !
ווי וואַרעם אין אַזאַ עלפנביין־טורעם,
ביים זייט די אויסגעבעטענע פרינצעסן.

פון ווינטער־גאָרטן ביז אויבן דאָ אַרויף,
אויף שויבן די זילבער־צעצוויטע צווייגן ;
די גן־עדן־פייגעלעך, ווי וואונדערלעך,
נישט צו שטערן, ווי קלוגיטשקע זיי שווייגן —

איר יעדער באַוועג — אַ תנועה, אַ צייכן,
מיט זיינע בליקן ער שטעלט זיי צוזאַמען !
נ׳שמייכל־בליט, צווישן צוויט פון אירע ליפּן,
פלאַמען־אויף פריש־אויפגעגאַנגענע גראַמען.

אָ, דאָס לייענען ! איז עס זיין אַליין זיין,
און איצטער האָט אַ מענטש זיין שטובל באַטרעטן,
אָדער ווידער זיין לייב באַרירט פון גאָטס האַנט,
געשטאַלט פון זיין געשטאַלט ווערן געקנעטן ?

קיין ליכט אין זיין שטיבל נישט אָנגעצונדן,
ווען צוריק אַליין אַהיים ר׳איז געקומען ;
דער שאָרך פון אירע רייד, פון איר הויט דאָס זייד,
אַזאַ סקרוך האָט זיין לייב אַרומגענומען.

נישט ער — אַ שאָטן געבויגן איבער איר,
און זי אין ווינקל פון זיין האַרץ פאַרקליבן ;
עפּעס האָט שטיל אין טונקל אַרומגעשוועבט,
ז׳וואָלט אין זיין שטיבל נאָך איבערגעבליבן —



אויפגעלויכטן פון אירע שטערן־בליקן,
צווישן די שאָטן־געשטאַלטן באַהאַלטן,
אָטעם פון איר אָטעם טיף איינגעטעמדיק,
גלעטן זיך אויס אים זיינע שטערן־פאַלטן.

3

זיי ווערן לעבעדיק, זיי באַוועגן זיך,
ממש ער קאָן זייערע שטימען הערן !
פּיקן זיך ווי פון אייער־שאָלן אַרויס,
עופעלעך אין נעסט פייגעלעך צו ווערן.

זע, פליגעלעך זיי האָבן, זיי פלאַטערן,
ווי הויך אין הימל אַריין בלוי זיי שוועבן ;
די געשטאַלטן טויט געלעגן אַ רום אים
זיי באַוועגן זיך און באַקומען לעבן.

אין זיינע בליקן, אין זיין מוח, אין זיין האַרץ,
אונטער זיין הויט — אונטער קאָרע געטראָגן !
אין די שפּיצן פינגער זיי קנאָספּנדיק געשפּירט,
דעם לעצטן טראָפּן בלוט אים אויסצונאָגן.

און איצט אַזאַ וואַרעמקייט נעמט אים אַרום,
אַזאַ זאַפטיגע פרייד בליט אין זיינע גלידער ;
אויף צוויטנדיקע צווייגן פלייש פון זיין פלייש,
און זיי זינגען דאָס ליד פון זיינע לידער.

וואָס אַרן אים דרויסן די זאַווערוכעס,
דער טייוואָלים צעפּיפּענער שניי־שטורעם,
אז ס׳שאָקלט זיך די וועלט אַ גאָלדן שטייגל,
געראַטעוועט אין זיין עלפנביין־טורעם ?

אַלע זיינע שלאָף שווערע חלומות,
מקוים געוואָרן — לויטער געזאַנגען !
אויף זילבער לבניש געבויגענעם האַקן,
איז דאָס שטייגל אין הימל אויפגעהאַנגען.

צוקאָפּנס איבער זיין פרינצעסין הענגט עס !
קענען לידער זיין נאָך זיסער, נאָך ליבער ?
אָבער ווי ער בויגט זיך, אַ בליק בלויז ער וואַרפט,
צום פורפור הימל־בעט אים קייגנאיבער —

שטאָט די שאָטן־געשטאַלטן ! שוידערט ער גרויליק :
רינגלט אים אַרום געקלינג פון סקעלעטן — —
דער אַלאַבאַסטער טורעם, דאָס געביין גאַר,
פון צאַרט־גאַרנדיקע יונגע פּאָעטן —

4

. . . ווען אויגן זיינע זיך אים מיד אויפגעעפנט,
נישט אַרום זיך — פאַרקוקט אין וויסטן ווייטן :
פון זיין האַרץ, אַ קאַלט־צעגראָבנס, גייען אויף
די שויבן־צעבליטע אייז־זילבער קווייטן.

אַ ליידיקער שפּיגל־רעם זיין שטיבל גרוי,
זיין אויג אונטער ברעם — אַ בלינדער שוואַרץ־אַפּל ;
די גרעסטע לייד, די אויפרעגנדיקסטע פרייד,
רעגנבויגנדיקער רגע־אויפצאַפּל.

אַז וואָס איז עס דען ס׳גאַנצע ביסל לעבן ?
גאָטס צורה אויף אַ ווײַלע אָנגענומען !
אין טויזנט יצירות צעשפּיגלט געווען,
ווען אין זיין שטיבל ז׳איז אַריינגעקומען —

אַז דורכן מענטש בלויז מ׳ווערט פאַרבונדן מיט גאָט !
רינגלען אים אַרום צוויי אויגן, צוויי שטילע,
אַליין מען פאַרשטיינט — אַ געטשקע אויף אַ זייל !
צעשעפּטשען זיינע ליפּן אין אַ תּפילה :

„לייב, מיין לייב, אַ געהייליקטער פון גאָטס האַנט,
ווי האָסט דו מיך באַשיצט, ווען יונג געווען ;
מיט ערגסטער נאָך אין פינסטער ווינקל פאַרשטעקט,
מיינע גלידער — לידער גאָט פאַרצולעזן.

„ווען יונג כ׳בין געווען לידער מיינע לידער,
תּאווהדיקסטער צאַפּל פון מיינע גלידער ;
הייליקסטער אויפציטער — די פרייד פון מיין לייב !
מענטש נאָך צו דערפילן אין טיפסטער נידער.

„לייב, מיין לייב, א געהייליקט פון גאָטס האַנט,
דאָס מינדסטע וואָרט, גאָרנישט נישט צוזאָגן,
אות צו אות באַהעפט זיך, ווי אין שטיין געקריצט
מיט האַרץ־שלאָג, ווי מיט האַמער אויסצושלאָגן.



„זיך געשפּילט — אַ קינד וואָס שפּילט זיך מיט גלידער !
מינדסט חלקל־הויט מיט מויל אייסצוגלעטן
גאָט, אַז איך בין נישט יונג אַזוי געשטאָרבן
ווי ס׳שטאַרבן געהייליקט יונגע פּאָעטן — — —“

## די לידער פאַר דיר

1

און אויג צו אויג און ליפּ צו ליפּ
אָטעמען אָנגעהויבן צוריק,
און לעבעדיק ליכטיק בליצט אויף,
שוין פאַרלאָשענער פאַרגלייזטער בליק.

פערשטאַנען דעם סוד דערפון איצט,
ווען מיין באַק מיט דיינע זיך באַרירט.
וואָלט איך בלויז דעם אָטעם דיינעם,
פון דיין מויל אויף מיינעם נאָך דערשפּירט.

אין מיין האַרץ קיין מינדסטער באַוועג,
און מיין מוח ווי פאַרשטייפט און טויט שטיל.
דו, אויב נביאיש ביזט אזוי,
נויטיקט נאָך צו זאָגן וואָס איך וויל ?

2

ווילאַנג אַ האַרץ וויל, אַ לייב נאָך באַגערט,
איז עס אין גאָטס האַנט דאָס הייפּעלע ערד ;
ווען דאָס אויג פרייד, צי צומאָל לייד פאַרטרערט,
ס׳איז בלויז אַז בעסער פאַרקנאָטן עס ווערט.

און דו, נישט פון אַ ריפּ געשניצט וועסט זיין,
אַלע שוין אויסגעשניטן, כ׳האָב נישט מיין !
נישט פלייש פון מיין פלייש, נישט ביין פון מיין ביין,
געשיצנט וועסט מוזן ווערן פון האַרצן מיין.

3

ווי קאָן איך זאָגן דיר דאָס וואָס איך וויל,
אַז איך שעם מיך עס אליין צו הערן ;
שפּיגל דיך בלוי אין מיין באָך בלאַנקן בליק,
און וועסט עס אַרויסלייענען ווי פון שטערן.

וי קאָן איך דיר זאָגן דאָס וואָס איך וויל,
אַז איך קאָן עס נישט זאָגן אָן טרערן!
פון די ליניעס פון מיין האַנט ליין עס אַרויס,
נישט ווי אַלט איך בין — ווי אַלט נאָך כ׳וועל ווערן.

4

איז דען מחוץ אונז עפּעס פאַראַנען?
די אַלע יאָרן דאָס אַרומשפּאַנען,
עס איז דאָך נאָר בלויז צו זיך צוצוקומען.

די אלע וועגן, קרום־און אומוועגן,
מיט שכל דערגיין, מיט וואָרט דערפרעגן,
ביז גאַנץ פון טויט צו ווערן אויפגענומען — — — —

ס׳ ביסעלע פרייד, ס׳קאַפּעלע טרויערן —
רגע פאַרלענגערן ס׳געדויערן,
רינגלען אונז אַרום אַזוי פיל אַרומען.

וואָס איז טויט דעמלט, צומאָל שוין לעבן,
ווען צוויי מענטשן גאַנץ איבערגעגעבן,
ווי איין שטיק גאָט שטייען אַרומגענומען.

## נישט פארענדיקטער סאָנעט

פאַר מיר, נאָך מיר — ס׳וועט וועלט די זעלבע בלייבן,
בלויז איידער מיין לייב, מיין פאַרקאַלכט געביין,
אַ קרישקעלע פון אַ קרייד־בערג וועט זיין,
איין ליד מיט מיינע גלידער נאָך פאַרשרייבן.

אות צו אות אויף שטויבעלע מיך צערייבן!
קען איך דען די וועלט, צומאָל מיך אַליין,
אַ הערעלע אַנדערש מאַכן — אָ ניין!
גאָט, העלף מיר די שטויבעלעך צונויפקלייבן.

## ווידמונג־סאָנעט

ווי אין אַ רגע, פאַרנייגט פאַר גאָט דאָס האַרץ זיך בוקט,
אַזוי אין שטילן־געפלעכט פון אַנאַנהויב־אָנענד,
ווי צוויי קינדער האָבן זיך געשפּילט אונזערע הענט,
און ווי טאַטע מאַמע האָבן מיר זיך צוגעקוקט.

פון דיין האַנט יעדעס פעלטל געפילט ווי עס צוקט —
אַ טייבל צווישן קזשאַקעס די פליגעלעך געפענט;
און ווי שטיל מיינע איז געווען, קוים זי דערקענט,
אַ רויבפויגל רואיק פאַרדייעט וואָס פאַרצוקט.



קייגן רגע ווען האַרץ פאַרנייגט שטייט געבוקט פאַר גאָט,
דאָס גאַנצע לאַנגע לעבן וואָס פאַר אַ ווערט האָט?
אַן אייביקייט אַזאַ איינציקע רגע דויערט.

צער־צעציטערט צוקט דיין צאַרטע האַנט ווו אַ צינד,
אַ טייבל אַ פאַרלאָזנס וואָס פלאָטערט אין ווינט;
מיינע — דער רויבפויגל צוריק, אויף פאַרצוק לויערט?

## א. מייזעלס

## יידיש טעאטער אין אלטן עסטרייך

דער טשערנאָוויצער יידישע טעאטער, האָט בלויז געשפּילט זומער, דאָס איז געווען א באַדינג פון דער שטאָדט טשערנאָוויץ, ווייל ווינטער האָט געשפּילט דאָס „דייטשישע שטאָדט טעאַטער“ און ווען עס וואָלט אין דערזעלביקער צייט אויך געשפּילט א יידישער טעאַטער, פאַרשטייט זיך, אַז עס וואָלט אוועק גענומען א גרויסן טייל פון באַזוכער און דאָס האָבן די „שטאָדט־טאַטעס“ גאַנץ גוט געוואוסט און אַזוי ווי אין עסטרייך האָט מען ניט געקאָנט שפּילן אָן א קאָנצעסיע מצד דער מלוכה, איז באַין ברירה דאָס יידישע טעאַטער געווען אָנגעוויזן אויפן חסד פונם פריץ. דער זומער סעזאָן האָט אָנגעהויבן מיטן טאָג ווען דער דייטשישער טעאַטער האָט געשלאָסן, געוויינטליך איז דאָס געווען אין סוף אַפּריל געשפּילט האָט מען ביז קנאַפּ פאַר ראש השנה און דאַן איז א גרעסערער טייל פון די אַקטיאָרן אוועק קיין ווין, וואו זיי האָבן געשפּילט אַגאַנצן ווינטער.

דער טעאַטער האָט זיך געפונען אין „גרודערס עטאַבליסמענט“, דאָס איז געוועזן אין די ווינטער חדשים, דער גליטש־פּלאַץ. זומער האָט מען אריינגעשטעלט לאַנגע בענק, אין פראָנט עטליכע רייען בענקלעך. די בינע איז געווען געדעקט מיט א דאַך, דאַקעגן דאָרט וואו דער עולם איז געזעסן, איז געווען פרייער הימעל און עס האָט ניט זעלטן געטראָפן, אַז אין מיטן שפּילן האָט זיך געלאָזט א שלאַקס רעגן, דאַמאַלס האָט זיך דער עולם א לאָז געטון אין זאַל אריין, פאַרשטייט זיך, אַז עס פלעגט ווערן דער אמתער טומעל, יעדער האָט געזוכט צו פאַרכאַפּן די בעסטע ערטער און עס איז אָפט געקומען צו סקאַנדאַלן. אויב עס האָט גערעגנט אַגאַנצן טאָג, האָט מען געשפּילט אין זאַל. אויף די פּלאַקאַטן און אויך אין אַלע צייטונגס־אַנאָנסן, איז געווען געשריבן „אויב שיין אָדער רעגן“, דאָס האָט געהייסן, אַז באַם עס וועט זיין שיין, וועט מען שפּילן אין גאָרטן, באַם ניט, וועט מען שפּילן אין טעאַטער־בנין. אין איין סעזאָן, ווען מען האָט אַגאַנצן זומער געשפּילט די אָפּערעטע „מענטש זאָל מען זיין“, האָט זיך געשאַפן דאָס ווערטל: אויב שיין אָדער רעגן, א מענטש זאָל מען זיין...

דער דירעקטאָר אברהם אַקסעלראַד, וועלכער איז געווען זער אבער־גלייביש, איז פון גאַנץ פרי אָן, געזעסן אין גאָרטן און אַרויף געקוקט אין הימעל אריין. זיינע אַקטיאָרן האָבן שוין געוואוסט, אַז זיי טאָרן ניט קומען אין דערפרי צו פּראָבע אין א בלאָען אנצוג, האָט זיך געטון חושך, אַקסעלראַד האָט אים ממש „קורע כדג“ געווען — גזלן, האָט ער געשריגן — איר ווילט מיך דערקוילן?

דאָ האָט איר א מעסער און קוילעט! דער אקיטאָר האָט נעביך ניט געוואוסט וואָס עס איז איבער אים געפאלן, ערשט אנדערע אקטיאָרן האָבן אים דערקלערט, אז אקסעלראד איז זיכער באם אן אקטיאָר טוט זיך אָן א בלאָען אנצוג, מעג זיין דער שענסטער טאָג, וועט אין אָוונט באשטימט רעגנען...

אזוי האָט דער דרוקער ניט געטאָרט דרוקן זיינע פלאקאטן אויף געלן פאפיר. אָדער א נייע פיעסע האָט מען ניט געטאָרט לייגן אויף א בעט (אגב גלויבן אין דעם כמעט אלע אקטיאָרן). ביז דער קאסירער איז געקומען, פלעגט אקסעלראד פארקויפן די בילעטן. אויב עס האָט אמאָל געטראָפן, אז דער ערשטער קונה איז געווען א רויטער, אים האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט פארקויפן קיין בילעט. אמאָל אין א פרימאָרגן, איז צו געקומען צו דער קאסע א יונגערמאן פון דער פראָווינץ, מיט א רויט בערדעלע און די פיאות פארשארט אונטער אויער און הייסט זיך געבן א בילעט. זאָגט אים אקסעלראד, אז אלע בילעטן זיינען פאר היינט שוין אויספארקויפט. — פרעגט דער יונגערמאן — ווערזשע זיינען די בילעטן וואָס ליגן דאָ? ענטווערט אקסעלראד — דאָס זיינען די בילעטן פאר מאָרגן, — זאָגט דער יונגערמאן, טאָ זאָל זיין פאר מאָרגן. אקסעלראד האָט געזען, אז ער קאָן זיינע פטור ניט ווערן, רופט זיך אָפ — הערט יונגערמאן, איך קען אייערע שווער און שוויגער און אזוי ווי איך דארף זיין די אנדערע וואָך ביי אייך אין שטעדטל, מוז איך זיי דערציילן, אז זייער איידעמעל... דער יונגערמאן האָט שוין ניט געוואַרט ביז אקסעלראד וועט ענדיקן זיין דרשה און האָט זיך גיך אָפגעטראָגן פון גאָרטן...

דער טעאטער אין טשערנאָוויץ, האָט א גאנצן זומער געהאט „געסט אקטיאָרן" פון אמעריקא. אויפן וועג פון לעמבערג קיין רומעניע, האָבן זיי זיך אָפגעשטעלט אין טשערנאָוויץ. אָט די דאָזיקע געסט האָבן שטענדיק מיטגענומען פון לעמבערג אָדער טשערנאָוויץ אן אקטיאָר אָדער אן אקטריסע קיין אמעריקא. אין א זומער ווען עס האָט געשפילט דער לעמבערגער יונגער אקטיאָר לודוויג זאץ אין טשערנאָוויץ, האָט ער אָפגעמאכט בשתיקה מיט אן אמעריקאנער „גאסט". דער אָפמאך האָט אָבער געמוזט בלייבן א גרויסער סוד, ווייל לודוויג זאץ איז שוין דאמאלס פאר־רעכנט געוואָרן פאר א פיינעם אקטיאָר און דער טעאטער וואָלט אלץ אָנגעווענדט, אז ער זאָל ניט קאָנען ביז סוף סיזאָן אוועק פאָרן. אמאָל אין א בייטג אָ, אלע אקטיאָרן זיינען געזעסן אין קאפעהויז און געשפילט קאָרטן, פארשטייט זיך, אז רחל אקסעלראד האָט ניט געזאָגט קיין תחינות, זי איז געזעסן מיט א פאפיראָס אין מויל און געשפילט קאָרטן מיט גרויס התלהבות. דערווייל זיינען איר די פאפיראָסן אויסגעגאנגען, נו, זיך אויפהויבן פון קאָרטן־טישל, איז דאָך א בפירוש'ער איסור, האָט זי דערזען לודוויק זאץ און אזוי ווי ער איז געווען דער יונגסטער אין דער טרופע, איז ניט קיין סכנה אים צו שיקן א גאנג. רחל אקסעלראד האָט ארויס גענומען א קראָנע און זאָגט — זאץ, ברענג מיר צוואנציג ציגארעטן. זאץ האָט גענומען די קראָנע און דאָס איז געווען א פירטל שעה איידער די באן איז מיט אים אוועק...

עטליכע יאָר שפעטער, איז לודוויק זאץ געקומען קיין טשערנאָוויץ אלס



דער גרויסער „סטאר". באלד נאָך זיין אָנקומען, זיינען אלע אקטיאָרן זיך צוזאמען געקומען אין קאפע הויז, כדי זיך מיט אים צו באגריסן. מען האָט גערעדט, זיך דערמאָנט עפיזאָדן, פלוצים קומט אָן רחל אקסעלראד, גייט צו גלייך צו לודוויק זאץ און רופט זיך אָפ — זאץ, האָסט מיר געבראכט די ציגארעטן?...

מאקס שטרענג איז יאָרן לאנג געווען דער ליבלינג פון טשערנאָוויץ. ער האָט דאָס אויך ערליך פארדינט. ער איז געווען סיי אן ערשט קלאסיקער יוגענטליכער קאָמיקער, סיי א גוטער כאראקטער קאָמיקער. ער האָט געשאפן טיפן, וועלכע פיל אקטיאָרן האָבן אים נאָכקאָפירט. האָט ער אָנגעטון א פראק־אנצוג, איז ער געווען אייראָפייאיש דורך און דורך. ער האָט באטעמט געזונגען, גראציעז געטאנצט, דעסגלייכן האָט ער אויך געקאָנט טראָגן א קאפטאן. אין פריוואט לעבן האָט ער זיך געפירט „סנאָביש", אָנגעטון נאָך דער לעצטער מאָדע, זיך ניט געחברט מיט יעדן איינעם. נאָכדעם ער האָט זיך מיט זיין ערשטער פרוי געגט, האָט ער חתונה געהאט מיט א ניט יידישער טענצערין, וועלכע האָט זיך מגיר געווען און דאן געפירט א יידיש הויז.

אין יענער „בלי־צייט" פון יידישן טעאטער, ווען לאטיינער־האָרוויץ, האבן גענומען דייטשישע פיעסן און פון א גלח געמאכט א רב, פון א דיאק געמאכט א שוחט וכדומה, דאמאלס האָבן די יידישע קאָמפאָזיטאָרן, וועלכע האָבן „געשאפן" די מוזיק צו זייערע אָפערעטן, פשוט ארויס גענומען גאנצע שטיקער פון וועלטס אָפערן און זיי אריינגעלעגט אין די אָפערעטן. זיי זיינען געווען זיכער, אז ניט די אקטיאָרן און ניט דאָס „געשעצטע פובליקום", וועלן וויסן פון דער גזילה.

אין דערזעלביגער צייט, איז אין קאָלעמיי, גאליציע, געווען א רעליגיאָנסלערער אויערבאך און ער האָט אָנגעשריבן אן אָפערעטע מיטן נאָמען „בת ירושלים", די מוזיק האָט דערצו געשריבן דער באקאנטער קאָמפאָזיטאָר חנא וואָלפסטאל. די מוזיק איז אָריגינעל, ראָמאנטיש און דורכגעווייקט מיט יידישער הארציגקייט. פון ליברעטא „בת ירושלים", האָט מען אין די שפעטערע יאָרן גערעדט, אז איינער, אויך א שרייבער מיטן נאָמען וויליאם שעקספיר, האָט זיין „ראָמעא און יוליא", געגנבעט פון אויערבאכ'ס „בת ירושלים"... דאָרט איז פאראן א טאָכטער, טאקע אָט די בת ירושלים, וועלכע טראָגט דעם נאָמען „תרצה", א שיינער ביבלישער נאָמען. ווען שטרענג איז געגאנגען בייטן די פאפירן פון זיין געליבטער נאָכן מגיר זיין זיך, האָט ער איר אויך געביטן דעם נאָמען און זי גערופן תרצה.

שפעטער מיט יאָרן, ווען זיין פרוי איז געשטאָרבן אין ווין, פארשטייט זיך, אז אלע זיינען מיר געווען אויפן בית החיים. בשעת דער חזן האָט געמאכט דעם „קל מלא" און עס איז צוגעקומען צו דער שטעלע „את נשמת האשה תרצה בת...? אָט דער חזן געזוכט, אז „יעמאנד" זאָל אים זאָגן דעם נאָמען פון תרצה'ס פאָטער, אלע האָבן געשוויגן, דער חזן חזרט איבער „תרצה בת... רופט זיך אָן דער שוישפילער יצחק דייטש — בת ירושלים...

א. מ. קייזער

# אויף קבר-אבותביים „זיידן״

## צום 40-טן יארצייט פון מענדעלע מוכר ספרים

(זכרונות)

א.

זומער 1929 בין איך, אין שליחות פונעם ענגליש־יידישן הילפס־פארבאנד, געווען אין אדעס.

זיין אין אדעס און נישט זיין אויף מענדעלעס קבר, וואלט געווען א גרויסע עוולה. דערפאר, האב איך מיט מיין באגלייטער, א אלטער אדעסער תושב, אפגערעדט, אז מארגן נעמען מיר א „פאעטאנדל״, ווי מע זאגט אין אדעס, און מיר פארן ארויס אויף מענדעלעס קבר.

אויף צומארגנס, אנקומענדיק אויפן בית־עולם, האבן מיר דארט ביים טויער אנגעטראפן גאנץ קאבצאנסק; יידן אפגעריסענע און אפגעשליסענע, מיט אפגעליאקעוועטע, פארגעלטע קאפאטעס און נאך מער פארגעלטערע פנימער. ווער מיט א אפגעכוימלט קאפעליושל, און ווער אין א היטל מיט א פארגלאנצטן, אפגעריבענעם און צעקרימטן דאשעק. ווי אויך ווייבער, באיארטע און אויס־געדייווערטע, מיט צעדריבלטע טיכלעך אויף די קעפ און מיט באלעבאטישע ציצענע פארטוכער ארומגעגארטלט ארום זייערע היפטן.

— וואס איז עפעס היינט, — פרעג איך מיין באגלייטער — אזא עולם? סאיז שוין אלול?

— צו אלול, — ענטפערט ער מיר — איז, דאכט זיך, נאך אביסל וייטלעך. נאר דאס איז מען געקומען צו אייך!

— צו מיר אויפן בית־עולם? שוין באצייטנס?

ערשט, איך ווער געוואויר, אז נאך נעכטן האט זיך אין שטאט פארשפרייט א קלאנג, אז דער פארשטייער פונעם ענגלישן הילפס־פארבאנד, דער „מיליאנט־שיק״, גייט אויף קבר־אבות, און — ווי געשיקט זיך, מסתמא וועט ער דארט איבערלאזן עפעס „גראבס״. האט זיך דערפאר אויפן בית־עולם ארויסגעלאזט דאס גאנצע אלטע בית־הקברותדיקע קלאפערגעצייג; אלע „מלא׳ניקעס״ (אל מלא רחמים מאכער), מצבה־קריצערס, קנייטל־לייגערינס, בית־עולם מעס־טערינס און סתם קבצנים, דלפנים און דליתים פון א גאנץ יאר, וואס ווארטן שוין ימים־ושנים אויף אזא „גרויס געווינס״.

בקיצור: די גאנצע יידישע טארבע האט זיך דארט פארקליבן. ממש א לעבעדיקע אויפלאגע פון „פישקע דעם קרומען״.

— א גאטהעלף אייך רעב משה, — האבן די טארבעניקעס מיין באגלייטער מקבל־פנים געווען, — ליב אייך אייער גאסט. צו וועמען דארפן זיי, צו וועמען?

„זיי״ — דאס מיינט מען מיך.

איז מיין רעב משה בייז. ספארדריסט אים וואס די חברה דלפנים האבן אין מיינע אויגן אזוי מבזה געמאכט זיין אדעס; אט דאס שטאלצע יידישע



אדעס, מכח וועלכן ער האט מיר ערשט נעכטן אזויפיל אנדערציילט.

און ער רופט זיך אן מיט כעס:

— גייט אייך געזונטערהייט! מיר וועלן שוין אליין געפינען!

רוקט זיך צו מיר צו א ייד מיט אן ערדיש פנים און רופט זיך אן:

— פעטער! א „מלא״, א טייער „מלא׳לע״.

גייט שוין מיין רעב משה ארויס פון די כלים און ער צעשרייט זיך:

— האלעדראנצעס! וואס האט איר זיך אויף אונדז אנגעזעצט? זיי האבן דא קיינעם נישט. זיי גיין אויף מענדעלעס קבר.

ווערט ער, דער מלא־מאכער, גארנישט נתפעל, און ער פרעגט גאנץ בנ־עימותדיק:

— און, אז מענדעלע, איז וואס? דארף מען אים נישט מאכן א „מלא״?

ענטפערט אים רעב משה, בייז ווי א בין:

— ניין! מע באדארף נישט!

ענטפערט אים צוריק דער בעל־דבר, האניק־זיס:

— אבער איך דארף!

ב.

דער אדעסער בית-עולם האט דעמלט אויסגעזען גלייך ווי דעם שונאס שווערע ארטילעריע וואלט דא מיט א מינוט צוריק אפגעהאלטן א גרויסן נצחון, איבערלאזנדיק א גאנץ פעלד מיט הרוגים — צעהאקטע און צעבראכענע מצבות פארשיידענע מעשיות האט מען מיר אנדערציילט פארוואס דער בית־עולם איז אזוי צענישטערט. לכתחלה, האט מען פון בית־עולם געוואלט מאכן א פארק, האט מען באצייטנס אנגעהויבן צוצונעמען די מצבות און דאס פעלד צוצע אקערן. שפעטער, האט מען סתם צעשלעפט די מצבות אויף בוי־צוועקן, ווייל סאיז קיינער נישט געווען ווער סזאל דא אכטונג געבן. בכלל, ווער האט דעמלט אין זין געהאט די טויטע, אז מע איז געווען פארנומען מיט די לעבעדיקע מתים... אדעס איז געווען א טויטע שטאט. מע האט געפוכניעט פאר א שטיקל ברויט.

גיין מיר איבער די חרובדיקע קברים צו דער „שרייבער־אליי״.

אין יענע גוטע פאר־מלחמה יארן, האט אדעס נוהג־כבוד געווען אירע שרייבער, נישט בלויז ביים לעבן, נאר אויך איבער הונדערט און צוואנציק יאר; זי האט פאר זיי אפגעגעבן, און גאנץ אומזיסט, די שענסטע און בכבו־דיקסטע „גוטע־ערטער״ — א רייע א גאנצע, באקאנט אלס די „שרייבער־אליי״. אט איז, ווייזט מען מיר, ליליענבלום, לינעצקי (דאס „פוילישע יונגל״), לעווינסקי (ר׳ קרוב), און אט איז פרוג, וואס ליגט אן א מצבה. (ער איז געש־טארבן אין סאמע מלחמה־ברען, איז 1916, טא וועמען איז געליגן אין זין אים שטעלן א מצבה?) אפילו פאר בן־עמין, ביאליקן און קליינמאנען, וועלכע זענען דעמלט געווען אין אויסלאנד זענען דארט, אין דער „שרייבער־אליי״, געווען רעזערווירט בכבודיקע ערטער.

און, אט שטיי איך מיט א געבויגענעם קאפ, פארן קבר פונעם זיידן פון

דער יידישער ליטעראטור, פאר מענדעלעס מצבה. זי שיילט זיך אויס פון אלע אנדערע מצבות מיט איר אימפאזאנטקייט. בעת אלע אנדערע מצבות זענען גרוי און פארעלטערט, איינגעבויגן און איינגעבראכן, איז מענדעלעס מצבה יונג און פריש, הויך און שלאנק, ווי ער, מענדעלע, איז אליין געווען. פון שווארצן גראניט איז זי אויסגעטעסעט. זי זעט אויס ווי א יונגערמאן מיט א פעך־שווארצן קאפ האר צווישן א מחנה גרייז־גרויע זקנים.

נאר בעיקר, שיידט זי זיך אויס מיט איר מאדנער אויפשריפט, דעם קאריקאטורנעם יעווסעקישן „פה נטמן", וואס רופט ארויס א שמייכל אויף די ליפן. די אויפשריפט איז א פועל־יוצא פון א חילוקי־דעות, וואס איז מכח דעם ענין אויסגעבראכן. אז מע האט מענדעלען געדארפט א מצבה שטעלן, איז די שפראכן־פראגע ארויפגעשוואומען: אין וועלכער שפראך זאל די אויפשריפט זיין?

— סארא פראגע אין וועלכער? איןביידע שפראכן אין וועלכע מענדעלע האט געשאפן.

אזוי האט געפסקנט דער שכל־הישר.

זענען געקומען די פוסקים־האחרונים — די יעווסעקעס — און האבן אויך אזוי געפסקנט. טאקע אין ביידע שפראכן — יידיש און... אוקראיניש!

אוקראיניש? מיט וואס האט מענדעלע זוכה געווען, אז אוקראיניש זאל פארנעמען אזא חשובן ארט אויף זיין קבר? האט ער די גאוורילעס מיט די מיקיטאס אזוי ליב געהאט, אדער זיי האבן אים אזוי גערן געהאט, אז זייער לשון זאל באצירן זיין מצבה? מיר געדענקן נאך, דאכט זיך, גאנץ גוט, ווי די גראבע חמולעס האבן אפגעשפעט און חוזק געמאכט אי פון אים, אי פון זיין אלטער יקנה"זן, בעת ער איז געזעסן אין דער בויד, איינגעהילט אין טלית ותפילין. סליגט אונדז נאך גוט אין טעם דער „טראסצא וואשי מאטערי, חודקא זשידקי, לייבסערדאקי!" וואס מענדעלע דערמאנט אזוי אפט אין זיינע ווערק.

אזוי האט געטענהט דער פשוטער ייד. נאר, אז די אדעסער יעווסעקעס זענען געווען די מצבה־קריצערס, האבן נישט געהאלפן קיין טענות־ומענות, און אויף מענדעלעס קבר איז אוועקגעשטעלט געווארן די מצבה מיט אזא אויפשריפט:

דעם זיידן פון דער יידישער ליטעראטור

## מענדעלע מויכער ספארים

ש. י. אבראמאוויטש

געבוירן: 20.12.1836 — געש. 8.11.1917

אין נאמען פון די אדעסער ארבעטנדיקע אדעסער קרייז אויספירקאם

אדעסער שטאטראט.

און דעמזעלביקן נוסח אויף... אוקראיניש.

שטיי איך אזוי פאר מענדעלעס מצבה און טראכט: מענדעלע שפקח היה... פארוואס איז מענדעלע, דער פקחדיקער זיידע, נישט געווען אזוי קלוג ווי



דאס אייניקל זיינס — שלום־עליכם — און זיך אליין נישט באזארגט מיט אן אויפשריפט אויף זיין מצבה? שוין־זשע האט ער נישט פארשטאנען, אז „מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שארן"? נאר דער תירוץ איז, אז מענדעלע האט גארנישט געהאלטן פון דעם מין, וואס מיר רופן טויט. אדרבא, ער האט זיך ערשט פארמאסטן צו לעבן און לאכן כמה ימים־ושנים.

מע דערציילט: בעת מענדעלעס מקורבים האבן צו זיין פינף און זיבעציק יעריקן יובילייִ אים געוואונשן „הונדערט און צוואנציק יאר", איז ער פון דער ברכה נישט שטארק נתפעל געווען. „סך־הכל?" האט ער מיט גרויס תרעומות געענטפערט, „אט דאס איז דאך מיר דער רבונו־של־עולם מחויב צו געבן. אויף דעם האב איך א וועקסל. אפילו קיין איין רגע וועל איך נישט אפלאזן, און אויף ווייטער וועל איך מיך דינגען. ער וועט מיר צוליב טון. איך בין אין דעם א בטוח".

היינט, אז א מענטש האלט אפצוענדיקן ביי אזא זקנה, ליגט אים נישט אין קאפ קיין מצבות.

און מיין פאנטאזיע האט דעמלט א שפיל געטון: וואס וואלט מענדעלע געזאגט, ווען ער וואלט פון קבר אויפגעשטאנען און א קוק געטון אויף דער מצבה? געבייזערט וואלט ער זיך נישט, ווייל מענדעלע איז נישט געווען קיין בייזער. אפילו זיין סאטירע איז דורכגעדרינגען מיט רחמים. נאר ער וואלט, מיט א מעפיסטאפלישן שמייכל אויף די ליפן, זיך אנגערופן:

— ווייסע, איך מיין, רויטע חברהניקעס! איר זענט דאך במחילה געשלאגן אויף דער עברי. זייט אזוי גוט און הייסט דעם „יוד" פון מיין „מויכער", מוחל זיין. און, דעם „עין" גיט אינגאנצן דעם דרך. אינאיינוועגס, טעלעבבענדעט שוין ארויס דעם „אלף" פון „ספארים". זאלן זיי גיין בשם אלקי ישראל — צו אלדי גוטע יאר! זיי פארשווארצן מיר דעם פנים, מיין יידישן פנים. דערנאך, זייט מוחל און נעמט אוועק פון מיין צופוסנס דעם אוקראינישן כאכאל. ער איז מיט מיר קיינמאל קיין חבר נישט געווען. אדרבא, ער האט מיר שטענדיק דאס לעבן פארביטערט. תמיד, ווען ער האט מיך געטראפן, האט ער אויף מיר געטייט מיט אן עק פאלע ווי א חזיר־אויעריל און געשריגן: „זשיד חאלאמיי!" זאל ער גיין אין זיין רו ארייַן! און איצט, אז מיין מצבה איז שוין אביסל אפגערייניקט פונעם פסולת, נעמט־זשע און שטעלט אוועק אויבנאן דעם אלטן יידישן פ"נ. גאנץ פשוט: „פה נטמן מענדעלע מוכר ספרים", ווי ספאסט פאר מענדעלען. אויב איר ווילט קענט איר אויך צושרייבן: „הסבא", אדער: דער „זיידע", נאר סאיז נישט נייטיק. מע קאן מיך אזוי אויכעט. איר געדענקט דאך מסתמא ווי איך האב געשריבן אויפן שער־בלאט פון מיין ערשטן באנד: „מיין אדרעס איז — מענדעליו יודעלעוויטשו מוכערו ספארעמו, אוב גראַדי צבוע'טשי. דעם טיטל „גאספאדינו יעווּרעיו' באדארף מען נישט שרייבן. נישקשה, מע וועט אזוי אויך וויסן".

אזוי וואלט זיי מענדעלע ארייַנגעזאגט. ווייל מענדעלע איז געווען א איד א געזונטער, וואס האט געאטעמט מיט אונדזערע ביידע שפראכן.

בעת מענדעלע, דערציילט מען, איז שוין געלעגן אויפן טויטן־בעט און האט געהערט וואס סטוט זיך אין גאס מכח אונדזערע כסדרדיקע שפראכן־אמפערנישן, האט ער, מיט א גמרא־ניגון, זיך אנגערופן:

— נאר ביי אונדז, יידן, פארשטייט איר מיך, קאן זיין אזא שפארעניש: דורך וועלכן נאזלעכל דארף א ייד אטעמען? אז איינער זאל האלטן, אז נאר דורך דעם לינקן נאזלעכל, און דער צווייטער ווידער — לא! דווקא דורך דעם רעכטן נאזלעכל. איינער — דווקא העברעאיש! און דער אנדערער — נאר יידיש! אז מענטשן דארפן אטעמען דורך ביידע נאזלעכלעך, קענען זיי גארנישט פארשטיין!

זאת תורת־מענדעלע.

מענדעלעס אנדענק פארדערט פון אונדז רעספעקט און טאלעראנץ צו ביידע לשונות. ווייל מענדעלע איז נישט געווען שייך, נישט צו די אוהבי־יידיש און נישט צו די חובבי־עברית. מענדעלע איז געווען, ווי ביאליק האט אים באקרוינט — דער אוצר פון דעם גאנצן יידישן פאלק.

## י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### 2-טער קאפיטעל

### די תורה און די מפרשים

דער קארדינאלער כח פון די גאנצע עקזיסטענץ ווערט אין אלע רעליגיעס אנגערופן מיט דעם ביי־נאמען „אלהים: אלמעכטיקייט“. אבער מחמת יעדע רעליגיע אידעאליזירט אן אנדערע פארם אדער אייגנשאפט פון דער נאטור, ווי פרוכטבארקייט, שטארקייט, גוטקייט, ליבע און דעסגלייכן, וואס איז דער עסענץ פון איר וועלט באנעם און זי ברענגט דאס צום אויסדרוק מיט אן אייגנטומליכן פאר־נאמען פאר דער אלמעכטיקייט, ווערט דערפאר דער ביי־נאמען „אלמעכטיקייט“ פארענדערט אין תנ״ך אויף אלמעכטיקער פון א גלויבן, ווי למשל: „אלהי מצרים“: דער אלמעכטיקער פון מצרים אדער „בעל־זבוב אלהי עקרון“: בעל־זבוב דער אלמעכטיקער פון עקרון און אנדערע.

דער אלמעכטיקער פון ישראל ווערט אין די כתבי קודש אנגערופן מיט דעם פארנאמען אדער „שם המפורש“: אנטפלעקטן נאמען „יהוה“: איך בין. די מסורה קאמענטירט דעם פאר־נאמען מיטן טערמין „הויה“: עקזיסטירן, ווייל ער איז אן אברעוויאציע פון די דריי העברעאישע צייט ווערטער „היה“: געווען, „הוה“: איז, „יהיה“: זיין. דאס הייסט: מיט דעם פאר־נאמען אדער „שם הויה“ ווערט אויסגעדרוקט די אידעע פון אייביקער עקזיסטענץ, וואס איז לויט יידישן וועלט־באנעם דער ערשטער פריציפ פון אלמעכטיקן.

דער טערמין „הויה“: עקזיסטירן איז אויך דער איינציקער אין ווערטער־אוצר פון די מענטשנקינדער, וואס האט ניט נויטיק ארויסצורופן אין כח המדמה פון מענטש עפעס א פארשטעלונג אום צו דערקלערן די אויסגעדרוקטע



אידעע, ווי למשל: דער טערמין לעבן רופט ארויס באוועגליכקייט, אדער דער טערמין טויט — אומבאוועגליכקייט און אנדערע. דאס הייסט: מיט דעם „שם הויה“: ווערט אויסגעדרוקט די אידעע פון אן אייביקער עקזיסטענץ אהנע פארם אדער אייגנשאפט, וואס איז לויטן יידישן וועלט באנעם דער צווייטער פרינציפ פון אלמעכטיקן.

אבער הגם דער טערמין „הויה“: עקזיסטירן האט ניט נויטיק קיין פארשטעלונג פון עפעס א פארם אדער אייגנשאפט אום זיך צו דערקלערן, פונדעסטוועגן איז עקזיסטירן דער פארבאדינג פון יעדע פארם אדער אייגנשאפט: ווירקליכע פארמען און אייגנשאפטן ווערן געמאכט, אדער אנטוויקלען זיך זעלבסט פון עקזיסטירענדיקע, און אילוזיאניסטישע מוזן האבן א מענטש מיט א כח המדמה ער זאל זיי זיך פארשטעלן. דאס הייסט: מיט דעם „שם הויה“ ווערט אויסגעדרוקט די אידעע פון אן אייביקער עקזיסטענץ, אהנע פארם אדער אייגנשאפט, זייענדיק דער פארבאדינג פון אלע פארמען און אייגנשאפטן, וואס איז לויטן יידישן וועלט באנעם דער מהות פון אלמעכטיקן.

מחמת דעם טאקי, וואס מיט דעם „שם הויה“ ווערט אויסגעדרוקט די אידעע, אז דער אלמעכטיקער פון ישראל האט ניט קיין פארם אדער אייגנשאפט און זיין עקזיסטענץ איז דער פארבאדינג פון אלע פארמען און אייגנשאפטן, דארף מען אין זינען האבן, בעת מען לערנט תנ״ך, אז יעדע טעטיקייט אדער כאראקטעריסטיק פון אלמעכטיקן אנגעגעבן אין תנ״ך איז מעטאפאריש: א פיגוראטיווער אויסדרוק פון אן אבסטראקטער אידעע, אום דער כח המדמה פון מענטש זאל איר אויפנעמען און דערפאר מוז מען אויך אפווארפן די אטעאיסטישע און פאנטעאיסטישע טעאריע, אז די נאטור איז דער אלמעכטיקער אדער א טייל פון אים. ווי ר׳ יהודה האט געזאגט: „ווער עס איבערזעצט אזא פסוק ווערטערליך איז א ליגנער און ווער עס קאמענטירט אים איז א שענדער“. (קידושין מ״ט, הרא״ש מגליה כ״ח) ווייל דער אלמעכטיקער פון ישראל האט ניט קיין פארם אדער אייגנשאפט און די נאטור איז ניט ער.

דער אמת איז ווי קהלת דערקלערט: „אויך די וועלט האט מען אריינגעגעבן אין זייערע הערצער, (זיי זאלן אנטדעקן אלע אירע געהיימען) דאך ניט אויסגעפינען די טעטיקייט וואס דער אלמעכטיקער פארריכט פון אנפאנג ביזן סוף“. (קהלת ג׳) דאס הייסט: מען ווייס ניט פון וואס דער אלמעכטיקער האט באשאפן די נאטור אדער ווי אזוי ער פירט איר. און מחמת אין תנ״ך ווערן ניט באהאנדעלט קיין אסטראנאמישע אדער נאטור וויסענשאפטליכע פראבלעמען, נאר אליין עטנאלאגישע, האט תורת משה איבערגעגעבן אין קורצן א מסורה פון די אלטע העברעאישע שטאמען וועגן דער באשאפונג פון ערדישן זון־סיסטעם, ווי אויך וועגן אלעס, וואס האט זיך אנטוויקעלט אויף דער ערד ביז צום דערשיינען פון ערשטן מענטשן־פארעל, און זי איז איבערגעגאנגען צו דער פיזישער און גייסטיקער אנטוויקלונג פון מענטש.

אבער שוין אין דעם קורצן בראשית קאפיטעל האט תורת משה, מיטן פארטיילן דעם אנטוויקלונגס פראצעס פון ערדישן־זון־סיסטעם אין זעקס טעג,

געלייגט דעם יסוד פון איר סאציאלן יושר. עס זענען משמעות׳דיק פארגאנגען ביליאנען יארן פון בראשית ביז דאס ערשטע מענטשן־פארעל האט זיך באוויזן אויף דער ערד, ווייל איין טאג אין דעם הימעל־רוים קאן זיין א ביליאן ערדישע יארן, דערפאר האבן די מפרשי הש״ס ניט אריינגענומען די טעג פון בראשית אין דער צייט רעכענונג לבריאת העולם. (ראש השנה כ״ז, תוספות און מהרש״א) נאר מחמת, ווי עס איז איינגעקריצט געווען אין די לוחות, „למען ינוח עבדך ואמתך כמוך״: צו באגרינדן א וועכנטליכן רו־טאג פאר קנעכט און דינסטן פון זייער שווערע ארבעט, (דברים ה׳) זענען די זעקס טעג אריינגעגעבן געווארן אין דעם ערשטן קאפיטעל פון בראשית.

א באוויז דערויף איז די (לויט יוסף בן מתתיהו־פלאוויוס „יידישער אלטערטום״ בוך 1 קאפ. 1) בייגעשריבענע דערקלערונג פון משה רבינו — „ויכלו השמים והארץ וכל צבאם: פארטיק זענען געווארן דער הימעל און די ערד, ווי אויך אלעס אויף זיי. פארטיק האט געמאכט דער אלמעכטיקער אין אנהויב פון זיבעטן טאג זיין ארבעט, וואס ער האט געטוען. געבענטשט האט דער אלמעכטיקער דעם זיבעטן טאג און אים געהייליקט, ווייל אין אים האט ער גערועט פון דער גאנצער ארבעט, וואס ער האט געשאפן צו ווייטערדיקער אנטוויקלונג״. (בראשית א׳) און זינט משה רבינו האט בייגעשריבן די דערקלערונג האבן אלע וועלט רעליגיעס איינגעשטעלט א וועכנטליכן רו טאג פאר זייערע גלויביקער און אלע ציוויליזירטע לענדער פאר זייערע איינוווינער, הגם זיי זענען ניט איינשטימיק מיט דער בראשת מסורה.

דער צווייטער קאפיטעל פון בראשית איז גענומען געווארן פון אן אנדערע אלטע העברעאישע מסורה, א מער דיכטערישע און מער דראמאטישע ווי די ערשטע, און שיינט צו זיין אין סתירה מיטן ערשטן קאפיטעל פון בראשית. דער סדר פון באשאפונג ווערט אין צווייטן קאפיטעל אנדערש איבערגעגעבן, — צו ערשט איז איין מענטש באשאפן געווארן פון דער ערד, דערנאך די פעלדער און גערטנער, נאך זיי די חיות און צום לעצט איז די פרוי־מענטש אויסגעשניטן געווארן פון מענטשס א צעל אדער זייט. אבער אזוי ווי די מפרשים האבן אויסגעטייטשט דעם פסוק „בצלם אלקים ברא אתו זכר ונקבה ברא אתם״ — „דיו פרצופין בראו״ אדער „אנדרוגינוס בראו״: צוויי צונויף געוואקסענע קערפער אדער מאן און פרוי געשלעכטליך איז דער מענטש באשאפן געווארן, (בראשית רבה פ״ח, ערובין י״ח) פאלט אוועק די סתירה און דער צווייטער קאפיטעל איז א פירוש אויפן ערשטן, מיטן באשרייבן אין פרטים די פיזישע אנטוויקלונג פון די ערשטע מענטשן.

לויט דער עוואלוציאניסטישע טעאריע איז דער אנפאנג פון ארגאנישע קערפער אויף דער ערד געווען „פראטאפלאזם״: א געגליווערטער סובסטאנץ פון צונויף געוואקסענע צעלן, וואס זענען אנטשטאנען און האבן זיך פארמערט דורך שפאלטן זיך און פארמען יעדע איינצעלנע צעל אין צוויי. דער צעלן־פראצעס פון אנטשטיין און וואקסן איז טאקי ביזן היינטיקן טאג געבליבן דער יסוד פון אלע ארגאנישע קערפער. מיט דער צייט איז בייגעקומען א נייער



פראצעס פון פארמערונג, עס האבן זיך פון די „פראטאפלאזם״ אנטוויקעלט „הערמאפראדיטן״: טאפעלט געשלעכטליכע אינדיווידיומס פון פלאנצן, חיות און מענטשן. דערנאך איז ווידער פארגעקומען א פארענדערונג אין דער נאטור פון די „הערמאפראדיטן״, פון זיי זענען אנטשטאנען די איצטיקע באזונדערע מענליכע און פרויליכע סעקסן, א באוויז דערויף איז — די אומבאשטימטע־סעקס אדער טאפעלט־סעקס פון יעדע מענטשליכע עמבריא אין די ערשטע דריי חדשים.

און תורת משה האט באנוצט די הערמאפראדיט טעאריע אלץ באזיס פאר איר קאנצעפציע פון זיטליכקייט. צום סוף פון צווייטן קאפיטעל שטייט: ווען צווישן אלע לעבעדיקע באשעפענישן איז ניט געווען צו געפינען פאר דעם הערמאפראדיט־מענטש קיין „עזר כנגדו״: א העלפער פון דער קעגן סעקס, האט דער אלמעכטיקער געווארפן א שלאף אויף אים, גענומען די פרויליכע צעל אדער זייט פון אים און צוגעהאפטן פלייט אנשטאט איך. פון דער צעל אדער זייט האט דער אלמעכטיקער אויסגעטאקט א פרוי און איר געבראנגט צום מאן־מענטש. דערזעענדיק איר האט דער מאן־מענטש געזאגט: „דעם מאל איז זי אביין פון מיינע ביינער און פלייש פון מיין פלייש״... האט דערויף תורת משה קאמענטירט: „דעריבער זאל א מאן פארלאזן זיין פאטער און מוטער, זיך באהעפטן אין זיין פרוי און זיי זאלן זיין ווי איין קערפער״, (בראשית ב׳) כדי אפצווארפן דערמיט אסקעטיזם און אויסגעלאסענקייט אלץ אומנאטירליך און אנצווייזן, אז די פאראייניקונג מיט דער אייגענער פרוי איז דער יסוד פון זיטליכקייט.

## מ. אלמאן

# א טענה

איך נוץ אויס די געלעגנהייט, וואס איך געפין זיך אין א לאנד אין וועלכן מ׳מעג אמאל ארויסזאגן אן אייגענע מיינונג. וויל איך פאר אייך פארלייגן מיין טענה.

איך בין א לייענער פון „לשון און לעבן״, נאר איך האב א שוואכקייט אנצוהייבן צו לייענען דעם זשורנאל פון לעצטן בלעטל. עס אינטערעסירן מיך שטארק די „לאנדאנער קולטור ידיעות״, אבער דאס לייענען זיי פארשאפט מיר נישט קיין פארגעניגן...

אין ענגלאנד זענען נישט בנמצא קיין שולן פאר יידישע קינדער, אין וועלכע מ׳זאל לערנען די יידישע שפראך; קיין יידישע לערנביכער ווערן דא נישט ארויסגעגעבן, קען טרעפן, אז ס׳זאָל איינפאלן א „משוגענעם״ פאטער זיך צו באנוצן מיט שטענצלס „לשון און לעבן״ בעתן לערנען זיין קינד יידיש. קען מען אבער אין די „ידיעות״ געפינען ביישפילן ווי אזוי מ׳דארף יידיש נישט שרייבן. מילא, אז דער בחור־הזעצער פארדרייט עפעס, פאלט עס אויף זיין געוויסן... סתם אבער, צוליב איילעניש שרייבן פארגרייזט, האָט איר א גרויסע עבירה. איך ברענג דא א פאר ביישפילן פון לעצטן נומער „לשון און לעבן״. „...סעקציע פון יידישן? וועלט־קאָנפערענץ אין לאנדאן״. ס׳רעדט זיך דא

וועגן וועלט־קאָנגרעס. אַן אנגענומענער טערמין איז קאָנגרעס. אויב איר מיינט, אַז קאָנפערענץ איז יידישער ווי קאָנגרעס, פאַרוואָס זענט איר „פאַרטראַטן אין קאָנצל פון קאָנגרעס?" דערביי געדענק איך נישט, ווען „קאָנצל" האָט אָנגעהויבן צו פאַרטרעטן דאָס אנגענומענע וואָרט „ראַט". אָדער אַזאַ זאַג: „ד"ר בראָדי איז צוזאַמענגעבראָכן אין אַ געוויין" פאַרשטענדלעך איז, ווען מ׳זאָגט: איז צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן און געוויינט, אָדער: האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

פון ווען אָן איז „ברעינס טראַסט" פאַרשטענדלעך פאַר אַלע יידן, אפילו מחוץ ענגלאַנד? פאַרוואָס מאַכן זיך לאָנדאָנער יידן נאַ־ייוו? ס׳מוז דווקא הייסן אויף יידיש אַזוי ווי די ענגלענדער רופן עס? און אַז מ׳וועט זאָגן: אַ „פאַר־זאַמלונג פאַר שאלות און תשובות" וועלן יידן נישט פאַרשטיין וואָס מע מיינט? נאָר אפשר מיינט מען אונטערצושטרייכן די ווערט פון די ענטפערס, דאַרף מען צוגעבן אַ רשימה פון די קאָמפּעטענטשן... אויב שוין אַריינגעמען „ברעינס טראַסט" אין יידישן לשון, וואָלט איך פאָרגעלייגט עס אַביסל צו פאַרהיימישן, דורך פאַרטוישן די „ט", צום סוף פון „טראַסט", אויף אַ „ק". ס׳וואָלט אַזוי אַרום פאַרמאָגט אין זיך מער אָפּענזיוועס...

און אַז איר זענט שוין יאָ פאַרטראַטן אין ראַט (נישט קאָנצל) פון קאָנגרעס, אפשר וואָלט איר זיך אַנגענומען אונדזער עוולה, אַז אונדזער שטאָט זאָל אויך פאַררעכנט ווערן צו דער וועלט פון וועלט־קאָנגרעס, כדי מ׳זאָל די קולטור־אַרבעט פון קאָנגרעס אויך פילן אין מאַנטשעסטער.

## לאָנדאָנער קולטור ידיעות

### מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סט., לאָנדאָן, א.1. 3 אַזייגער

שבת, דעם 18־טן יאַנואַר, שמואל מאַקאַטאָוו, רעפעראַט: מדינת ישראל און די וואָס קריטיקירן.

שבת, 25־טן, י. ל. פיין: „לייוויקס דיכטונג" — רעפעראַט און רעציטירן.

שבת, דעם 1־טן פעברואַר: טראַדיציאָנעלע שבת שירה און חמשה־עשר פייערונג רעציטאַציעס און געזאַנג פון דער נייער יידישער דיכטונג: אייזיק גאָלדבערג נעט רובין, א. בלום.

שבת דעם 7־טן לייענגען פון דער נייער יידישער פּראָזע: י. ביעטש, אברהם קרייטמאַן, אברהם ראָכמאַן.

שבת דעם 15־טן, מ. מינדעל: די ראַדיאָ־און טעלעוויזשן קולטור פון דער ספּוטניק־פּאַכע.



## לאָנדאָנער קולטור ידיעות

יוסף לעפּטוויטש און עלעק וואָטערמאַן האָבן גערעדט אין אַרבעטער־רינג, וועגן דעם וויכטיקן מאָמענט וואָס די יידישער קולטור און ליטעראַטור האָט געשפּילט אין איז נאָך מסוגל ווייטער צו שפּילן אין היגן יידיש ישוב. פריינט פידלענדער האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

דעם 30־טן דעם חודש טרעטן אויף אַ וואָרט־קאָנצערט „אַ נאַכט פון יום טוב" אין קאָנווי האָל דאָס באַקאַנטע אַקטיאָרן פּאָרל: סעם גאָלדבערג און עלין ווינאָגראַד.

דער רעדאַקטער פון „דער פרייער גע דאַנק", ד. זאַלצבערג, פון פּאַריז, איז אויס גענומען געוואָרן אויף אַ באַנקעט אין אַר־בעטער רינג פון דער גרופּע „פרייע אַרבע־טער שטימע" דער גאַסט, דער נאָכדעם ווי ער איז באַגריסט געוואָרן פון סעם דרין, מייקליס מ. מינדעל א. בלום, א. א. האָט געהאַלטן אַ וויכטיקן רעפעראַט איבער דער סיטואַציע אין צפון אפריקע. דעם פאָרזיץ האָט געפירט פריינט ביילי.

דעם 29 דעם חודש איז אַ גאַלאַ־פאָרשטע־לונג לכבוד דער פיינער אַקטריסע זשעני לאָוויטש, וואָס האָט גאַסטראָלירט אַ ווינטער סעזאָן גרענד פּאַלעיי־טעאַטער. לאָוויטש איז אויך לעצטנס אויפגעטרעטן אַלס סטאַר אין יוסף מאַרקאָוויטשעס אַ פּיעסע מיט גרויס דערפאָלג.

מ. ש. שקלאַרסקי, אויף זיין צוריק־רייזע פון ישראל קיין ניו־יאָרק האָט געווײלט אייניקע טעג אין לאָנדאָן.

י. א. ליסקי גרייט צו צום דרוק אַרויסצו־געבן אין בוך זיין סעריע אַרטיקלען גע־דרוקט אין „די יידישע שטימע": „געזען ישראל מיט אייגענע אויגן".

דער שאַצער רבי, אַן אָנגעזעענע פיגור אין לאָנדאָנער יידישן לעבן, דער מיטבאַג־רינדער פון דער יידישע טאָג שולע אין לאָנדאָן, אַ גרויסער תלמיד חכם, איז נפטר געוואָרן ביי דער לוויה האָבן זיך באַטייליקט איבער טויזנט יידן.

משה ראָסטן, איינער פון די אָנגעזעענסטע משכילים און לעקטאָר, סעקרעטאַר ביים באָרד אָף דעפּיטיס, איז פּלוצלינג געשטאָרבן פערגאַנגענעם חודש.

משה דאָמב וועלכער האָט דורכגעמאַכט אַ שווערן אומפאַל, דערהוילט זיך — מיר ווינטשן אים אַ רפואה שלימה.

די סטאַר־אַקטיאָרן פאַר די צווייטע העלפט פונם ווינטער סעזאָן אין גרענד פּאַלעי־טעאַטער זיינען די גוט באַקאַנט אַקטיאָרן פּאול בורשטין מיט זיין פאַרטנערין ליליען לאַקס פון ניו־יאָרק.

קומענדיקן חודש איז די דריטע יאָרצייט פונם שרייבער לעאָן האָכשטיין. די אלמנה פונם נפטר, שרה האָכשטיין האָט בדעה דאָס יאָר אַרויסצוגעבן אין אַ געזאַמלטן באַנד די געבליבענע שריפטן פון איר מאַן ע. ה.

דער סעמינאַר ביי פריינט פון יידישן לשון גייט אָן מיט גרויס דערפאָלג, פון וואָך צו וואָך ווערן די צוהערער אַלץ מערער. די פאָלגנדיקע לעקציעס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן: דער מהות פון מזרח אייראָפּע־אישן יודנטום, 2 לעקציעס, דר. יעקב מייט־ליס. „דאָס קולטור היסטאָרישע און געשיכ־טלעכע אין תנ"ך, 2 לעקציעס, יעקב ריכטי־קער. לירישער און עפּיטער סטיל אין ליטע־ראַטור. ערשטע לעקציע, א. נ. שטענצל. עפּיק און ליריק אינם תנ"ך, 2 לעקציעס, שלמה אויערבאַך. די עקאָנאָמישע באַזע פון יידן אין ענגלאַנד, ערשטע לעקציע, אהרן ראָלין.

דער 20 יאָריקער געבוירן טאָג פון ט. עלשטיין, סעקרעטאַר פונם סקערניוויצער און ראַווער הילפס־פעראיין האָבן מיט דער באַגריסונג רעדעס פון סטכאַטשעווסקי, פיין, זילבערבערג ביילי פאַלושאַק, דרינופּלושנ־סקי, ביעטש א. א. האָט דערמאָנט אין די אַלטע גוטע צייטן. דעם פאָרזיץ האָט געפירט שלמה לעמל.

קולטור־קאָמיטעט פון „די יידישע שטימע" אָרדנט איין שבת אָוונט, דעם 25 יאַנואַר אין קאמונאַל האָל פון דער קאָמערשל ראָד סי־נאַגאָגע אַ קאָנצערט פון באַקאַנטע זינגער.

לעקציעס איבער יידישער געשיכטע קומען פאָר ביי פריינט פון יידיש לשון — וועסט־ענד־בראַנזש, דין סטר. 21, אין האָל פון דין סטר. סינאַגאָגע, אין די סוף־חודש דאָנער־שטיקן אָוונט 8 אַזייגער. ביי וועלכע עס פערזאַמלען זיך אַ נישקשהדיגע צאָל צו־הערער.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 2 (העפט 317)     ניינצנטער יאָרגאַנג     פעברואַר 1958 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:


„ומדבר כלשון עמו", ערב דעם שלום־עליכם־יאָר ............ ** 1
אַ פורים־חלום (ליד) ............ עלי זילבערג 3
פון אַמאָל אין די שטעטלעך (ליד) ............ ש. זאַלקין 4
אין די דריי וואָכן (דערציילונג) ............ ל. רעזניק 4
פורים־צייט, א פורים־רב־ליד א. א. לידער ............ א. נ. שטענצל 9
ראַשעל (די גרעסטע וועלט־טראַגיקערין צו איר הונדערטסטן יאָרצייט) א. מייזעלס 14
יידישע פילאָסאָפיע און טראַדיציע (3־טער קאַפּיטל: די תורה און אירע מפרשים) ............ י. ריכטיקער 23
עטלעכע אויפקלערונגען וועגן „אַ קיצור איבער דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור" ............ א. א. ראָבאַק 28
ביאָגראַפישע נאָטיץ ............ דראַמאַטעאַ קרוק 31
לאָנדאָנער קולטור ידיעות ............ 32
יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ............ 32


## פרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

פריינט פון יידיש לשון
גראַנדיעזער
פורים באַל
(טאַנץ און געשמאַקער צובייסן, המן־טאַשן און שלח־מנות ; טאָמבאָלא)
אין דער אַדלער האָל, אַדלער סטריט, א.1
שבת, 8־טן מערץ
איינטריט 5 שילינג 6 פעניס     אָנפאַנג, 7.30

די ליטעראַריש קינסטלערישע מלוה מלכה אין דין סטריט סינאַגאָגע מיט דער באַטייליקונג פון רבי פויזנער, חזן רעוו ל. בריל און דער עיקר מיט די רעפעראַטן פון בן־א סאָכאַטשעווסקי, י. ח. קלינגער איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. בלויז ווי קומט די ממש, אַנטי יידיש רעדע אין ענגליש פון דוד קאָסאָוו, אַריין אין אַזאַ מין אָוונט ? דעם פאָרזיץ האָט געפירט רעוו א. עמיעז.

ביי דער פרויען סעקציע ביי אַרבעטער־רינג, אויף א געזעלשאַפטלעכן אָוונט, האָט אייזיק גאָלדבערג פאַרגעלעזן אַ סעריע לידער פון די לאָנדאָנע יידישע פּאָעטן, מיט וועלכע ער האָט גאָר שטאַרק אויסגענומען.

מ. זוסמאַן, דער אַמאָליקער באַקאַנטער לאָנדאָנער יידישער פאַרלעגער און טעאַטער־מענעדזשער איז געשטאָרבן.

ביי דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פונם ייווו"אָ אין לאָנדאָן האָבן זיך נאָך די באַריכט־רעדעס פון מיכאל זילבערבערג, א. פּאָדאָלסקי, יוסף פרענקל און דר. אהרן שטיינבערג ענטוויקלט אַ הייסע דיסקוסיע מכוח דעם ווייטער אָנגיין פון ייווו"אָ אין לאָנדאָן. דעם פאָרזיץ האָט געפירט א. מ. קייזער. עס איז אויסגעוועלט געוואָרן אַ נייער און פאַרגרעסערט קאָמיטעט.

שמואל וואַהיט גרייט צו אַרויסצוגעבן אַ בוך פון זיינע לעצטע געשריבענע לידער.

עס איז דערפרייענדיק וואָס אין די זונטיק־נאָכמיטאָג קאָנצערטן אין „רידינג־רומס", האָבן זיך לעצטנס באַטייליקט „דער לאָנדאָנער מענער כאָר" און זמרה אורנת מיט יידישע און העברעאישע לידער.

צווישן די לעצטע פאָרטראַגן אין „רידינג־רום" האָט פריינט סאַרנאָ גערעדט איבער איניקומס און אַנטיקוואַר ביכער. און מ. מאַליץ וועגן קאָמישע גט־עפּיזאָדן אין דער געשיכטע פון ענגלישן יונדטום.

ברכה קאָפּשטיין, די פּאָעטעסע פון ישראל, איז אויפגעטרעט מיט א רעפעראַט און געלייענט ישראל לידער אויף אַן אָוונט איינגעאָרדנט פון יידישע אַגענץ, יידישער וועלט קאָנגרעס און שרייבער און זשורנאַליסט פעראיין. דער גאַסט איז באַגריסט געוואָרן פון חברים, דעם פאָרזיץ האָט געפירט א. מ. קייזער. די דיכטערין איז אויך אויפגעטרעטןביים יידיש ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָג ווו זי איז באַגריסט געוואָרן פון רחל דאָניאַך. עלי זילבערג, י. א. ליסקי און י. ביעטש. אויך ביי דר. מייטליס איז פאַר ברכה קאָפּשטיין איז געווען אַ מסיבה פון חברים לכבוד דעם גאַסט. ביי די חנוכה־אָוונטן ביי די פועלי־ציון און אויך אין הויז פון פריינט יאַנג האָט ברכה קאָפּשטיין געלייענט אירע לידער.

לכבוד שמואל וואַהיטס, 50 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט איז אין הויז פון בן־אַ און פרוי סאָכאַטשעווסקי געווען אַ מסיבה פון חברים. ווו דאָס אַקטיאָרן פּאָרל סעם גאָלדבערג און אַלין ווינאָגראַד האָבן רעציטיר און געזינגען ווייהטס לידער. צווישן אַנדערע האָבן דעם פּאָעט באַגריסט א. מ. קייזער, י. ריכטיקער, שלמה אויערבאַך, בן־א. סאָכאַטשעווסקי האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

אויף דעם מענדעלע־פּרק־אָוונט אין בן אורי האָבן געלייענט י. ביעטש, מנשה ווייסגראַז, וו. פּאָדאָלסקי. דער באַקאַנטער אַקטיאָר יודל גאָלדבערג האָט געמאַכט אַ סצענע פון „די גאָלדענער קייט" און גאָר שטאַרק אויסגענומען.

אינם „ברענס טראַסט" איינגעאָרדנט לעצטנס פון דער איסט־ענד סעקציע ביים יידישן וועלט קאָנגרעס האָבן זיך באַטייליקט, א. חנן, שלמה אויערבאַך און בן־א סאָכאַטשעווסקי. די טעמא איז געווען יידישקייט אין לאָנדאָן. פאָרזיץ יוסף פרענקל.

## פריינט פון יידיש לשון — וועסט-ענד-בראַנזש

זונטיק דעם 2־טן פעברואַר, 4 אַזייגער דין־סטר. 21, וו.1.

## א שבת-שירה און חמישה-עשר-בשבט פייערונג

אַ ליטעראַרישע אונטערהאַלטונג ביי געדעקטער טישן.

## ליטעראַטור-אָוונטן — בן אורי גאַלעריע, פּאָרטמען סטר., 14 וו.1.

זונטיק, דעם 19־טן יאַנואַר, 8 אַזייגער

## פאַרלעזונגען פון שלום עליכמס הומאָרעסקעס

זונטיק דעם 9־טן פעברואַר — א שלום אש אָוונט